טאריסטן, געאלאגן, פילאטן, עלעקטראטעכניקער, מאשיניסטן מכל המינים — נייע, גאר שטריכן אינם פאלקס־כאראקטער: נייער שטייגער, נייע פסיכאלאגיע ביי אט די סאוויעטישע יידן.

צולעצט אינם בוך —קומט א. ווערגעליסעס טאג־ביכל, אין וועלכן ער גיט איבער איינדרוקן זיינע פון א נסיעה קיין אמעריקע במשך פון צוואנציק טעג. אין דער לעצטער פארנאטירונג, דאטירט 3טער דעצעמבער, 1964, לייענען מיר צווישן אנדערן, אז „נישט אלץ האב איך באוויזן צו זעען און נישט אומעטום בין איך געווען געוועכט. איין זאך קען איך זיך אבער דערלויבן צו זאגן: אין טאג־בוך איז אלץ באשריבן אזוי ווי ס׳איז געווען — גארנישט איז צוגעטראכט און נישט צוגעפוצט״ . . .

איצט איז אין זעלבן פארלאג דערשינען א צווייט בוך, „האריזאנטן״. עס איז א זאמלונג פון לידער, באלאדעס און פאעמעס פון פופציק היינטצייטיקע יידישע דיכטער. נאך זעקס יידישע ביכער גרייט מען צום דרוק און זיי דארפן דערשיינען נאך במשך פון יאר 1965.

נאטירלעך, וואלט מען געדארפט אויפנעמען מיט ענטוזיאזם דאס ווידער־דערשיינען פון יידישע ביכער אין סאוויעטן־פארבאנד. צום באדויערן אבער איז דאס ביי אונז יידן אין די מערב־לענדער נישט דער פאל.

איך האב דעם רעדאקטאר פון „לשון און לעבן״ געגעבן דאס בוך, „אזוי לעבן מיר״, אויף א „ליטעראריש שבת־נאכמיטאג״, וואס איז אפגעהאלטן געווארן לזכרון ח. נ. ביאליק. דער הויפט־רעדנער ביי אט דער געלעגנהייט איז געווען איינער א בקי אין תנ״ך און תלמוד. אבער ווען יענער האט בלויז א קוק געטון אויפן בוך „אזוי לעבן מיר״, האט ער גלייך גענומען קוועטשן מיט אן אקסל און זאגן: „עט, מסתמא פראפאגאנדע״! וויאזוי די שכינה האט זיך צו אים אזוי שנעל באוויזן און אים מפרש געווען דאס „הייליקע״ ווארט פראפאגאנדע נאך דעם ווי ער האט אדורכגעבלעטערט א צוויי־דריי זייטלעך, ווייס איך בנאמנות נישט.

עס איז אבער א שלעכטער סימן — נישט פארן בוך, חלילה — ווען א בקי אין תלמוד מאכט אוועק מיט דער האנט א בוך, וואס ער האט אפילו רעכט נישט אנגעקוקט. אזעלכן פעלט אפשר א שטיקל סאציאלער חוש, אויב ער מיינט טאקע, אז אלע יידישע שרייבער אין סאוויעטן־פארבאנד האבן זיך פארנומען בלויז מיט מאכן פראפאגאנדע אין משך פון די לעצטע פיר יאר.

כדי צו מאכן פראפאגאנדע צווישן מענטשן, וועמענס מיינונגען זענען אייגעם גוט באקאנט און מיט וועלכע מען רעכנט זיך בכלל נישט, דערצו דארף מען נישט זיין קיין תלמודיסט. וואו אייגנטלעך אין תלמוד זאגט עס זיך, אז ס׳איז א יושר צו פארמשפטן עמיצן אן א משפט?

---

**רעדאקציע נאטיץ**: די מיניאטורן פון ש. טענענבוים, דער עסיי פון מ. דאמב א.א. אין קומענדיקן נומער. מיר בעטן אויך אונזערע פריינט באלד צושיקן זייערע ראש השנה־ווונטשן.

---

## במזל טוב

ערשטע אור איניקל צו **חיים נח בענקוויטש**

ערשטע איניקל צו זיין טאכטער **שולמית שחט**

ערשט קינד צו זיין איניקל **כרמל שושנה מיללער**

יחיו לארך ימים

---



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 5־404) זעקס און צוואנציקסטער יאר אויג.־סע. 1965 לאנדאן

אינהאלט:


לכבוד ימים נוראים, צוויי ראש־השנה ליד, יסורים ממארקן . . . ........ **
די יוצרות פון ראש השנה און יום־כפור (עסיי) ........ י. ריכטיגער 4
יום־כפור (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 7
הזכרת־נשמות (ליד) ........ ה. פאצאנאווסקי 8
א מאנאלאג פון א טאטן (סאטירע) ........ א. ב. לאנדסמאן 9
די שכורע דינסט הגר (דערציילונג) ........ ש. טענענבוים 9
פאריזער איינדריקן ........ איזיק גאלדבערג 10
הערבסט (ליד) ........ עלא זילבערג 13
ערד (המשך) ארויס צום ים ........ א. נ. שטענצל 14
דער תענית און די סעודה פון תוספות יום־טוב ז״ל ........ אהרן ר. ראלין 41
אווערטור (ליד) ........ עלזע לאסקער־שילער 45
מיין געשריי (ליד) ........ יוליאן טוווים 45
סטעפאן זשעראמסקי, דער נביא פונם נייעם פוילן (צום 100־סטן געבוירן יאר) ........ משה דאמב 46
די „כבוד״ כבוד באשיצער פון פויערישע מערדער־„צדיקים״ ........ ש. י. הארענדארף 47
וויטשעפל באשטייט נאך זיין שטעטל (צום לייטארטיקל) ........ ש. 48
לאנדאנער קולטור ידיעות ........ 48
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס
ראש השנה ווינטשן


## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(3 א זייגער אין בערנער סטר. E.1.)

שבת, דעם 9׳טן — לייענען און רעציטירן מנשה ווייסגראז, נעט רובין.

שבת, דעם 16׳טן — דער אקטיאר יידל גאלדבערג ח. נ. בענקוויטש און מאדאם נאדלער וועט זינגען פאלקס־לידער און טעאַטער לידער.

שבת, דעם 23׳סטן—י. ריכטיגער וועט האלטן א פארטראג איבער ספר בראשית.

שבת, דעם 30׳סטן — סעם לעוו: א יאר די ארבעטער־רעגירונג אין ענגלאנד.

שבת, דעם 6׳סטן נאוועמבער — לכבוד דעם בן שמונים אהרן ראלין.

---

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאַנד:—8 דאלאַר א יאר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

'LOSHN UN LEBN,' 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Caveli Sreet, London, E.1*

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מ'טארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס" ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

מנשה און מילי ווייסגראז ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעי־טעאטער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפל, און סאדערן ראדישיא, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פרייליכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

חיים נח בענקווימש — לשנה טובה צו מיינע קינדער, איי־ניקלאך, אור איי־ניקל, משפחה און כלל ישראל.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער זיידעם, אייניקל, ריטש־מאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון" די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס" און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

פארזיצערן פון איסט לאנדאן „וויצ"א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמבערס פון וויצ"א, בית ציון און „לשון און לעבן" א כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1. ווינטשט איר ברודער, און פאמיליע און אלע פרייד א גוט און גליקלעך יאר.

סעם לעפ און פרוי ווינטשן אלע פריינט א גוט יאר.

צו אלע אונזערע פריינט — א „שנת חיים ושלום" — א. מ. קייזער און פאמיליע.

לשנה טובה תכתבו ! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן שוועגע־רינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון", דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן ; די ה"ה רע־דאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע צייטונגע אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענ־טינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי.

יעקב ריכטיגער און פרוי שיקן א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע קרובים און פריינט און כל ישראל בכל מקום שהם.

שמואל און אסתר וההיים—ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

כ'ווינטש א כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט — משה דאמב.

משה בעקערמאן ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמע־ריקע און כל ישראל איאר פון געזונט, פר־נסה און א פריידלעך לעבן.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

מיכאל זילבערבערג און פרוי — א כתיבה וחתימה טובה צו אלע אונדזערע פריינד, בכל מקום שהם.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

נחום שטענצל, פרוי און טאכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איר מאן איין גוט און געזונד יאר.

ע. מייקעלס, איך ווינטש מיינע ברודער, קינדער און פריינט א גוט געזונט יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעם בעסטע צום נייען יאר.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א כוח"ט זייער משפחה און פריינט.

דוד גרייוועו ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.
52 Sherrickgreen Rd., N.W.10

י. ס. לאקער, מאנשעסטער — א גליקלעך יאר מתוך שלום ושלווה אלעמען.

שלמה ראזענפארב ווינטשט קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מארי ביעמש פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון" א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

# לשון און לעבן


הודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 5־404) זעקס און צוואנציקסטער יאר אויג.־סע. 1965 לאנדאן


## לכבוד ימים נוראים

אין דער היים, אין די יידישע שטעטלעך, ווען ס'זיינען אנגעקומען די ימים־נוראים האט מען ממש געזען, ווי פיש אין וואסער ציטערן, ווי ס'פלאטערן די פייגל דער לופטן : „ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון". שוין דער רעגנדיקער אלול־ווינט צווישן די וויאנענדיקע בלעטער, דער שארך זייערער אונטער די טריט האט געשמעקט מיט פורכטיקע טעג, מיט חשבון־הנפש — מ'איז געווען נאנט צו דער נאטור און צום אייגענעם נפש : דאס שופר־בלאזן אין די פארטאגן — דער פאסטוך זאמלט איין זיינע שעפעלעך זיי ארויסצופירן אויף דער פאשע . . . דאס וועקן פון שמש צו די סליחות, דאס קלאפן מיטן האמער אין שול־אריין : „שטייט אויף, שטייט אויף יידעלעך צו עבודת הבורא" ; שוין דער ניגון פון די ווערטער איז געגאנגען ווי א שארך איבערן לייב, ווי א סקרוך אין די ביינער אריין, ווי די ראסע־טראפן געטריפלט מיט א שוידער.

דא, אין דער מעטראפאליע, ווייט פון אונזער נאטירלעכקייט, דערווייטערט פון אונזער היימישקייט, אויפן עולם־האמת פון דער „דזשואיש־רעלידזשן", הייבן זיך אן, נאכן „אוגערקס סעזאן", די אמתע הייליקע „ביזנעס" אין די סינאגאגע־אפיסעס ווערן „סיטס" פארקויפט און אויף די בית־החיימס — כאל מלא־רחמימ'ס, אין טענדע־ווערענדעס און אן טענדע־ווערענדעס . . . אין ישובה־פאבריקעלעך, אין לוביוויטשער חב"ד־קאנצלייען קלאפן די שרייב־מאשינעס און די סטענאגראפיסטקעס ; אין די כל־ערליי מעבר־לים תורה טראסטן, קאכט און זידט, עס גייט אויף דער גאנצער פארע — עס איז סעזאָן־צייט ! און ערשט יום־כפור אויף דער נאכט אין דער שטיל־ברענענדיקער יעלה־תחנו־נינו־שעה, אין דעם „הנה־כחומר־סך־הכול־מאמענט, ווען עס הייבן זיך אן אין די שולן דער פארשטאטלעכטער „כל־נדרי"־אפיל, מארק־שרייעריש, ליצי־טאציע־ארויסרופעריש . . .

נישטא מער דער בעדיטשעווער, וואס זאל אוישרייען בשעת כפרה־שלאגן : „דערבארעמדיקער, לאז מיך זיין די כפרה פאר כל ישראל" ! נישטא דער קאצקער, וואס בשעת הערנדיק א חסיד ווינען ביי „ופרנסה טובה", איראַניש א געשריי געטון : „א, בבן תן פחדך — פחדך' איז אויך בגמטריא : געלט" . . .

צומאל אין די אנטי־רעליגעזע פראפאגאנדע „מאסוועקעס" ימים־נוראים אין היימישע שטעטלעך, וויפיל מסורת־נפש, וויפיל נאאיוו־סאציאל־געפיל, וויפיל רעליגעז־התלהבות, אפילו, איז נאך געלעגן דערין . . .

א נס וואס אין די לעצטע יארן זיינען זיך דא אנגעלאפן א ביסל פליטים,

יורדים, אז נישט וואלט ס׳ביסל אוטיליטארע יוטיליטי־„רעלידזשן״ אפשר אויך שוין נישט געווען — עס וואלט חלילה געווען א טאטאלער באנקראט! אזוי איז נאך דא די גרויסע האפענונג אז ס׳איז א ירידה צורך עליה, און ס׳וועט מקוים ווערן: „ויבא הפליט ויגד לאברהם העברי״ — יא, מיר זיינען יידן! „וואס מיר זיינען, זיינען מיר, אבער יידן זיינען מיר״.

קארל מארקס, וואס האט נאר געקענט דאס וועסט־אייראפעאישע יודנטום, אין דער שמד־צייט פון איר טאטאלע אסימילאציע, — איז ער דאך אליין א קינד געווען פון יענער עפאכע, — איז נעבעך גאט די נשמה שולדיק געווען, ווען ער האט געזאגט: אז דער גאט פון יודנטום איז גאט־מאמאן... פונקט ווי יעצט פאר אינזערע גרויס־פאליטיקער איז דער גאנצער תוך פון דער „האלי בייבל״ דער נאציאנאל־ניצלעכער־פראדוקט פאר „דזשואיש סורוויוול״ — עס איז דער צד־השווה פון לינקן און רעכטן אסימילאציע־טייוול.

איז דאך ממש א נס, אז מיר געדענקן נאך די היימישע בתי־כנסיות ובתי־מדרשות, די היימישע שניידערישע־און שוסטער־שולן, די קאלטע קלויזן און הייסע חסידים־שטיבלעך אין אונזערע שטעטל און שטעטלעך ווי אין אלע טעג פון א גאנץ יאר, — א פראסטן מיטוואך! — האט מען געקענט אנטאפן די געטלעכקייט מיט די נאקעטע הענט, ווו דאס ארעמסטע קירזשענערל, דער מינדסטער וואסערטרעגער האט געקענט זיין א ל״ווניק און דער שבת־גוי — א פארשטעלטער אליהו הנביא...

און ערשט ווען ס׳זיינען אנגעקומען די ימים־נוראים: די ווייבער־שול האט זיך דאך איינגעבראכן פון שרה־בת־טובים־תחינות, פון די „מענה־לשון״־יעלות ביים מזכיר־נשמות זיין —

און נאך היינט דא, דער דערוויטערסטער ייד שוין, אז ער הערט דעם היימישן אל־מלא־רחמים ניגון שטייט די נשמה זיינע צוריק אויף תחית־המ־תים... יא, אין די רעפאמירטסטע־שול נאך ווערט דער „מכלכל חיים״ געזינ־גען מיטן חסידישן־וואלאכל, און נאך די אלע האלב־פרעמדע צערמאניעס און „גאטעס״־דינסטן״ און „סערוויסן״, וואס ס׳ווערט סערווירט אויפן שפיץ פון טאן־גאפל, ווערט אזא נאטירלעכע נאנטקייט מיט גאט, א יידישע היימישע אין פארוואר־פנסטן הארץ שוין.

מוסר און מיסטיק איז דאך דער תוך, — דער יסוד און סוד! — פון יידישן עפאס, א פנמיותדיקע געטלעכקייט אן שום מענטשלעכע פניות.

און נאך גרעסער איז דער נס וואס אין אונזער עפיק, פאעזיע און פאלק־לאר, אין אקצענט פון אונזער מאמע לשון און פאלקס־ליד איז אויפבאהאלטן געווארן דאס מאראל־רעאלע, דאס טאג־טעגלעך תמימותדיקע לעבן פון אונ־זער דור־דורותדיקייט; א מסירת־נפשדיקע יראת־הרוממות מיט כל־ערליי אטאם־באמבעס עס נישט צו צעשטערן — א טיפער הימל הויך איבער אלע מענטשלעכע קעפ, מיט קאסמאנאוטן אים נישט צו דערגרונטעווען; און עטיק, עסטעטעטיש געפארמט נישט צו צעברעכן, ביז ס׳וועט מקוים ווערן די ימים־נוראים־תפילה: „ויראיך כל המעשים, וישתחו לפניך כל הבראים ויעשו כלם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם״.



## צוויי ראש־השנה־לידער

ווייטשעפל־תשכ״ד

אלע טעג פון א גאנץ יאר אויפן טראטואר,
ווען צווישן די סטראגאנע־ביידלעך כ׳שפאציר,
שעפטשע איך „מה טובו אוהליך יעקב״,
און אזא מין היימישן אטעם איך שפיר.

יום־טובדיק־צעשטראלטן ראש־השנה טאג,
ווען כ׳גיי דורך און כ׳זע קיין איין סטראגאן נישט שטיין,
„מי כעמך...״ פליסטערן שטיל מיינע ליפן...
מיין בליק צום הימל הויבט זיך אויף פון אליין —

און איך דערזע ווי די ליכטיקע זון — גאטס אויג,
„באחת מעניך״ קוקט פארליבט אראפ:
אז בפרהסיה אזוי, אין דער גאנצער ברייט,
אפן מען זאל זען כאטש איין יידישע „שאפ״...

צומאל לויפנדיקע באסעס „גייען ליידיק״,
אויף א רפואה צו זען א טאקסי־קאר — —
שפעטער ווען מ׳וועט גיין פון שול און צו תשליך,
יום־טובדיק־ברייט צעהילכן — דער טראטואר.

### אל מלא רחמים

א סווארבע־ייִנגעלע, אמאל אין דער היים, דאס מינדסטע,
אזויפיל לשון־קודשדיקע ווערטער אין זיך געהאט,
ווי א סאברע־גימנאזיסטל אצינד אין תל־אביב —
ערשט א בחורל וואס שוין געלערנט גמרא א בלאט!

דער הויכער תלמיד־חכם שטערן פון אזא בחור,
פארזונקען אין שווערן מהרשל, אין עגלי־טל,
פיל פארטיפטער געווען ווי ביי א סטודענט אין „קאלעדזש״,
בשעת ער ענטציפערט דעם פארמול פון צוציאונג און פאל.

און די מיידעלעך, די קלוג־צניעותדיקע אייגעלעך,
ווי די שבת־קודש בענטש ליכט געפונקלט און געשיינט —
א מיליאן קינדערלעך פארברענט, געקוילעט און פארגאזט!
דער אל מלא רחמים אליין איז זיי מזכיר און וויינט.

ווער קאן גאט טרייסטן? אבער ער אונז! און איך הער
צי איז דען נישט א געזעץ, אז גארנישט אין דער נאטור פארשווינדט?
אין תל־אביב דער סאברע, דער סטודענט דא, אין קאלעדזש״,
יעדער פון זיי פון מיליאן יידישע קינדער א קינד.

## יסורים מ׳מארקן . . .

מיינע ימים־נוראים־צייט־לידער אפצודרוקן,
איבער יום־הדין אצינד כ׳מוז שוין אפלייגן:
„על מדינות בו יאמר״, אין מדינה־„לייבל״ דא,
אידער משפט־פסק ארויסגעגעבן מוז מען שווייגן.

און „יסורים ממרקין עוונות של אדם״,
זאגן שוין די חז״ל — זכתם יגן ומיגן.

## י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די יוצרות פון ראש השנה און יום כפור

ווען רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו דערציילט מען, — איינמאל, נאכן אפריכטן דעם ערשטן סדר, האט ער זיך צוריקגעצויגן אין זיין חדר מיוחד א זער צופרידענער, ווייל נאך קיינמאל ניט, איז אים געלונגען צו דינען דעם איבערשטן מיט אזא גרויסער התלהבות, בעתן דערציילן די וואונדערלעכע נסים פון יציאת מצרים. פלוצים האט ער געהערט עפעס א געהיימע שטימע מיט סארקאזם זאגן — „לוי יצחק! דו שאצסט איבער דיין פרומקייט און געלערנטקייט, דער סדר פון חיים וואסערטרעגער איז געווען הארצעדיקער פון דיינעם און מער אנגענומען אין הימל״ . . . אזוי ווי קיינער פון זיינע תלמידים האבן נישט געקענט דעם חיים וואסערטרעגער, האט ער זיי געשיקט איבער די גאסן פון שטאדט אים אויפצוזוכן און זיי האבן אויסגעפינען, אז ער וווינט אין ארעמען הקדש געסל, אנקלאפענדיק אין דער טיר פון זיין שטוב איז ארויסגעקומען זיין ווייב, האבן זיי איר געזאגט — „דער רבי האט באפוילן אז אייער מאן זאל תיכף אהין קומען״. האט זי א דערשטוינטער אויסגערופן — „מיין מאן״ . . . ער האט זיך נאכטן אנגעזויפן און ליגט א טויט שיכורער אין אנגעטועכטס אויפן בעט״: האבן זיי אים גענומען אויף די פלייצעס און געשלעפט אים א שלאפעדיקן צום רבי אין בית המדרש.

אין בית המדרש איז זיי ענדלעך געלונגען אויפצוּוועקן אים און אנידערזעצן אויף א בענקל. האט רבי לוי יצחק זיך צוגעבויגן צו אים און פריינדלעך געפרעגט — „זאג מיר רב חיים — וואס פאר א הויכע כוונות האסטו געהאט בעתן חמץ בטלן?״. קוקנדיק מיט קעלבערנע אויגן רבי לוי יצחקן אין פנים אריין, האט חיים מיט א הייזעריקן קול געזאגט — „רבי, כ׳האב פון אלע ווינקלעך צונויף גענומען די שטיקלעך ברויט און זיי געלייגט אין קאכלעפעל״. א פארוואונדערטער האט אים רבי לוי יצחק ווייטער געפרעגט—„ווי אזוי האסטו פארברענט דאס חמץ?״. טראכטנדיק א ווײַלע האט חיים מיט אן אראפגעלאזטן קאפ געמורמעלט — „ווי איז מיר רבי, כ׳האב פארגעסן צו פארברענען דאס חמץ, דער קאכלעפעל ליגט נאך אויפן פענצטערברעטל״. רבי לוי יצחק האט אנגעהויבן צו האבן ספקות צו דאס איז דער ריכטיקער חיים וואסערטרעגער?



און צו איבערציגן זיך האט ער אים געפרעגט — „האסטו אפגעריכט דעם סדר?״.

א פארשעמטער האט חיים מיט א ציטערדיקע שטימע געענטפערט — „איך וועל אייך זאגן דעם אמת — רבי, איך האב געהערט אז די גאנצע אכט טעג פסח טאר מען ניט טרינקן קיין בראנפן, האב איך נאכטן געטרינקן גענוג פאר די אכט טעג און בין פון מידעקייט איינגעשלאפן . . . באנאכט האט מיך מיין ווייב אויפגעוועקט מיט א געשריי, שיכור — האט זי געשריגן — פארוואס רעכטסטו ניט אפ דעם סדר, אזוי ווי אלע יידן טוען?. האב איך זיך געבעטן ביי איר — וואס ווילסטו פון מיר? איך בין א עם הארץ און מיין טאטע איז געווען אן עם הארץ, האט מיך קיינער ניט געלערנט זאגן די הגדה. איך ווייס בלויז, אז אונזערע עלטערזיידעס און עלטערבאבעס זענען געווען געפאנגענע ביי די ציגיינער און אונזער שטארקער רבונו של עולם האט זיי אויסגעליזט״ . . .

„דערווייל האב איך געזען אין שטוב א געדעקטן טיש מיט כל טוב: מצות אייער, ווי אויך אנדערע מאכלים און פלעשלעך פול מיט רויטן וויין, האב איך זיך געזעצט צום טיש מיט מיין ווייב און מיר האבן געגעסן און געטרינקען. נאכן עסן און טרינקן בין איך זער פריילעך געווארן, האב איך אנגעגאסן א גרויסן כוס מיטן רויטן וויין, אים אויפגעהויבן צום הימל און געזאגט — רבונו של עולם! איצט וועל איך טרינקן לחיים צו דיר און דיר ווינטשן, אז דו זאלסט אונז אויסלייזן אזוי ווי דו האסט אונזערע עלטערן אויסגעליזט. דערנאך האב איך אויסגעטרינקן דעם כוס און בין ווידער איינגעשלאפן״ . . . האט רבי לוי יצחק געזאגט צו זיינע תלמידים „דער בת קול איז גערעכט געווען, אין הימל איז ערלעכקייט חשובער פון פרומקייט און געלערנטקייט״.
(מ. בובער „אור הגנוז״ 208 און אנדערע)

דערפון איז קלאר צו זען, אז ביזן היינטיקן טאג איז די אידיי פון תנ״ך וועגן תפלות געבליבן א קארדינאלער פונקט אין דער יידישער אמונה, אן ערלעכער געבעט, לויב אדער דאנק פון מענטש צום אלמעכטיקן דארף ניט האבן קיין פארמיטלער אדער אויסבעסערער. די חכמי התלמוד אילוסטרירן דעם ענין מיטן ווייטער ציטירטן משל: יעדער מענטש איז אונטערן שוץ פון א פאטראן אדער אויבער־האר, אבער אז עס טרעפט איינעם א צרה לויפט ער ניט דירעקט צום פאטראן, נאר ער פרעגט א מיניסטער צו ווערן זיין מליץ יושר אדער ער ווענדט זיך צו אן אדוואקאט אנצושרייבן פאר אים א פעטיציע. ניט אזוי איז די שוץ פון אלמעכטיקן, אז א מענטש געפינט זיך אין א צרה ווענדט ער זיך ניט צום מלאך מיכאל אדער גבריאל, נאר דירעקט צום אלמעכטיקן און דער אלמעכטיקער פארנעמט זיין תפלה, אזוי ווי דער נביא יואל האט געזאגט — „ווער עס וועט אנרופן דעם נאמען פון גאט וועט אנטרונען ווערן״.

א מענטש דארף אויך ניט זיין א שטארקער רידער אדער גוטער אויסלייגער אז זיין תפלה זאל אנגענומען ווערן. חנה, די מוטער פון שמואל הנביא „מדברת על לבה״: האט זיך אראפגערעדט איר ביטער הארץ שטילערהייט,

בלויז אירע ליפן האבן זיך באוועגט און קיין קול האט זיך ניט געהערט, דאך האט דער אלמעכטיקער אנגענומען איר געבעט. און דער תהלים פאעט זאגט — „תפלה לעני כי יעטף ולפני ה׳ ישפך שיחו“ — א געבעט פון א ארעמאן ווען ער איז פארצאגט און פאר גאט גיסט ער אויס זיין שמועס. וואס וויל לויט די חכמי התלמוד זאגן — אזוי ווי איינער שמועסט מיט זיין פריינד, ניט אנגעפאטשטע רייד. (שמואל א׳, שמואל א׳ ב׳, תהלים ק״ב און ירושלמי ברכות פ״ט ה׳ א)

צוליב דעם האבן די חכמי התלמוד פארבאטן צו באנוצן אין די תפלות צופיל לויב־ווערטער ווען אלמעכטיקן מען דערציילט — אז איינער האט א מאל באנוצט א סך לויב־ווערטער האט רבי חנינא צו אים געזאגט — אויב משה וואלט ניט געשריבן אין דער תורה „האל הגדול הגבור והנורא“ (דברים י׳) און די אנשי כנסת הגדולה וואלטן ניט האבן אריינגעגעבן די שבחים אין די שמונה עשרה, (נחמיה ט׳ און שמונה עשרה) וואלטן מיר די עטלעכע לויב ווערטער אויך ניט באנוצט, ווייל אזוי ווי מען קאן ניט אויסרעכענען די גבורות פון אלמעכטיקן איז בעסער צו שווייגן. (מגילה י״ח און כ״ה)

דער לייענער פרעגט זיך, פארוואס האט מען פון זינט ארום טויזנט יאר צוריק דערלויבט אריינצונעמען אין די אלטע תפלות הונדערטער נייע יוצרות אדער פיוטים, וואס זענען פול מיט מלאכים, שרפים און הייליקע חיות צו זיין די אונטערשטיצער און אויסלייגער פון די תפלות? . . . רש״י באהויפטעט אז די חכמים האבן נאר פארבאטן אריינצוברענגען די יוצרות אדער פיוטים אין מיטן פון די שמונה עשרה ברכות, אבער צווישן איין ברכה און א צווייטער מעג מען, וואס דער מהרש״א באשטעטיקט. (רש״י און מהרש״א מגילה י״ח) אבער די פראגע איז נאך צי מען האט געמעגט אריינעמען יוצרות אדער פיוטים נאר צו די אריינגענומענע זענען פאסיק? און דער אבן עזרא קומט צו אויס־פיר אז מען האט זיי ניט בעדארפט אריינעמען און עס איז גלייכער מען זאל זיי ניט זאגן. ער באווייזט דאס מיט פיר קריטישע מאטיוון, ערשטנס: זענען זיי ניט קיין תפלות נאר צעקינסעלטע גראמען, צווייטנס: כדי די שורות זאלן זיך גראמען האבן זיי באנוצט זער א סך ווערטער פון פרעמדע לשונות, דריטנס: ווייל צוליב גראם זענען אפילו די לשון הקודשדיקע ווערטער געווארן פאר־גריזשעט אין זייער דקדוק און פירטנס: זענען אלע יוצרות אדער פיוטים צונויף געשטעלט פון אגדות און דרשות; פון פאלקלאריסטישע מעשהלעך און אויס־טייטשונגען וואס האבן א טאפעלטע מיינונג און ניט געפאסט פאר תפלות. (אבן עזרא קהלת ה׳)

אבער מיר וועלן זיך אין דער עסיי בלויז אפשטעלן אויפן לעצטן אדער פירטן מאטיוו. אין דער שחרית׳דיקער קדושה פון ראש השנה איז פאראנען דער פיוט „והחיות משוררות“: די ברענעדיקע חיות, וואס איז פול מיט מלאכים, שרפים און חיות הקודש גענומען פון אלטן יידישן פאלקלאר. דער פיוט ענדיקט זיך — „אשר מלוצו בעדנו חיות אש“: די פייערדיקע חיות זאלן זיין אונזערע מליצי יושר; וואס איז אין דירעקטע סתירה מיט דער פריער ציטירטער אויסזאגונג פון די חכמי התלמוד אז תפלות דארפן ניט האבן קיין פארמיטלער . . .



אן ענלעכע קריטיק געפינט מען פון רבי נתנאל ווייל, ווען אן אנדערן פיוט. פארן ענדיקן די תפלת נעילה זאגט מען אין דעם פיוט „אזכרה“ דעם חרוז — „מדם הרחמים עלינו התגלגלי ולפני קונך תחנתנו הפילי“: מדה פון רחמים זאלסט זיך באמיען פאר אונז און פאר דיין באשעפער פארטיידיק אונזער פעטיציע, וואס איז אין סתירה מיט דעם פינפטן יסוד פון די דרייצן עיקרים, אז „לו לבדו ראוי להתפלל“: אליין צום אלמעכטיקן דארף מען בעטן, ניט צו א פארמיטלער. (קרבן נתנאל הרא״ש ראש השנה פ״א־ג׳)

הארבער נאך זענען די „יהי רצון׳ס“, וואס די קאבאליסטיק האט די לעצטע עטלעכע הונדערט יאר אריינגעגעבן צו תקיעת שופר. צווישן דער מחנה נייע נעמען פון מלאכים, וואס מיט זייער אונטערשטיצונג און פארריכ־טונג זאלן די קולות פון שופר דערגרייכן דעם געווונטשטן פלאץ אין הימל, האט איינער אריינגעשמוגעלט דעם נאמען פון „נוצרי“. אין יהי רצון נאכן בלאזן תשר׳ת זאגט מען — „כשם שקבלת על ידי אליהו ז״ל וישוע שר הפנים ושר מטטרון“ . . . שוין דער פאסטן פון שר הפנים, וואס דער שמוגלער האט געגעבן צו דעם „ישוע“ איז אן אנדייטונג אויף דער קריסטלעכער מיס־טיק. אויסער דעם האט ער דעם „ישוע“, וואס די קריסטלעכע מיטאלאגיע פרעטענדירט־אז ער איז א לעבעדיקער גענומען געווארן אין הימל אריין, אריינגעשטעלט צווישן אליהו, וואס איז א לעבעדיקער גענומען געווארן אין הימל אריין, און מטטרון, וואס לויט דער קבלה זאל ער האבן געווען חנוך, וועמען מען האט לעבעדיקערהייט גענומען אין הימל אריין. (ספר הקנה־הפליאה כ״ט, פיוט לשמחת תורה „אשנבי שחקים“, יבמות ט״ז און חולין ס׳ תוספות) און ווען אפילו „ישוע“ וואלט געווען א נאמען פון א מלאך, האט מען דעם נאמען ניט געמעגט אריינבעמען אין די תפלות, ווייל, ווי דער אבן עזרא ווייזט אן, האט דער נביא הושע געזאגט — „לא תקראי עוד בעלי כי אם אישי“: איר זאלט מיך ניט מער אנרופן „בעלי“, נאר „אישי“. כאטש דער טייטש פון ביידע טערמינען איז דערזעלבער — מיין מאן — דאך האט דער נביא פאר־באטן צו באנוצן דעם טערמין „בעלי“ אין זייערע תפלות, ווייל „בעל“ איז אויך דער נאמען פון אן עבודה זרה . . . (הושע ב׳)

יוסף לעפּטוויטש

## יום כפור

כ׳כאפ זיך אויף פארטאג —
דאס הארץ שרעקט אין מיר.
די רגעס אויפן דיל
שארן זיך מיט בארוואסע טריט,
און זיי דאוונען שטיל.

מיין הארץ דאוונט מיט,
יעדער הארץ־קלאפ בעט,
די רגעס מיטן טלית

איבערן קאפ אנגעטאָן,
גיין וו ס׳וואַרט אויף זיי
דער מלאך סנדלפון.

דאס יזכר ליכט ברענט
אין שטוב ביי מיר,
ס׳איז מיין יארצייט ליכט,
וואס גוססט שווער.

און גייט אויס אויף די הענט
פון מלאך סנדלפון,
וואס ברענגט אונזערע תפילות
צום כסא־הכבוד, אויבענאן.

זיין פלאם איז עס וואס ברענט
דא אין מיין יזכר־ליכט,
און די טויטע שאטנס קלויבן זיך
אויף מיינע ווענט געדיכט.

און די רגעס אויפן דיל
שארן זיך מיט בארוואסע טריט,
ס׳איז ניטא מער קיין וואג,
און קיין מאס איז מער ניט.

מיין ליכט צעשמעלצט זיך,
דער וואקס צוגייט,
ווי איך צו גיי אין תפילת,
פארברענטערהייט.

ה. פאצאנאווסקי

## הזכרת נשמות

איך וויין נישט נאר,
וואס מיר האבן פערלוירן, זעקס מיליאן יידן,
איך וויין פאר וואס מיר האבן שוין פארגעסן,
און מיר זענען ווידער צו פרידען.
די אשעס פון די זעקס מיליאן קדושים,
זענען נאך נישט קאלט,
און מיר האבן שוין פארגעסן,
ווו איז דאס מעגליך? געוואלד! געוואלד!

די העלדן פון ווארשעווער געטא,
האבן פאר אונזער כבוד, זייער לעבן געגעבן,
און מיר האבן שוין פארגעסן,



און מען האט די רוצחים פארגעבן,
וואס ניצט צינדן, א יאר צייט ליכט,
וואס טויג וויינען אין קלאגן,
אז מיר האבן שוין פארגעסן?
וואס ניצט, איינמאל אין יאר קדיש זאגן,

זענען אונזערע הערצער,
געמאכט פון שטיינער?
האבן מיר פארגעסן, וואס די רוצחים האבן געטאָן
צו אונזערע טאטע־מאמ׳ס שוועסטער ברידער הויט און ביינער.

א. ב. לאנדסמאן

## א מאנאלאג פון א טאטן

געוואלט האב איך ער זאל זיין א „באריסטער",
איז ער אבער געוועזן אין „סקול" און אין חדר,
דער נארישסטער.

האב איך אים געשיקט אין סעמינאר,
איז ער ארויס, —
גאר גרויס! —
א האלב־נאר,
א ב.א.מ.א. בלע״ז —
א ביהיימע אין מיניסטער קליידער.

נחת פון א טאטן א שניידער.

ש. טענענבוים

## די שכורע דינסט הגר

(געווידמעט דעם 400׳סטן נומער „לשון און לעבן")

ווען איך האב מיט עטלעכע יאר צוריק געוואוינט נאענט צום היגן צענטראל־פארק, פלעגט יעדן טאג קומען א נעגעריש דינסטמיידל, כדי צו ריניקן מיין שטוב. זי האט געהייסן הגר. זי איז געווען אן אנגענעמע און ערלעכע פרוי, וואס האט ליב געהאט מיר צו דערציילן פארשידענע געשעענישן פון דעם לעבן פון איר משפחה אין א קוילן גרובן־געגנט אין אמעריקע. איר פאטער און אירע דריי ברידער זיינען איינמאל בשעת א קאטאסטראפע אין קוילן־גרובן אומגעקומען ווען זי איז נאך געווען א קליין מיידעלע. זייערע פארמוטשעטע גופים האט מען קיינמאל נישט געקענט געפינען. די פינצטערע טיפענישן פון דער ערד האבן זיי אויף אייביק איינגעשלונגען ווי א ים.

זומערצייט בין איך איינמאל געפארן אויף דאטשע אין די בערג. ווען איך בין צוריקגעקומען, איז דאס דינסטמיידל הגר נישט מער געוועזן ביי דער ארבעט. דער בעל־הבית פון הויז האט מיר דערציילט, אז הגר האט אביסל

געשיכורט און אז ער האט איר דערפאר אוועקגעשיקט פונם פאסטן.

איך האב געוואוסט, אז הגר איז געווען א ליבע און ערלעכע פרוי, וואס האט איר שווערע ארבעטביים רייניקן, פוצן און וואשן די שטיבער געטאן מיט גענוג פלייסיקייט און ערנסטקייט. איך האב דאס טאקע געזאגט דעם אומפריינטלעכן בעל־הבית, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס: אז לעצטנס האט הגר אנגעהויבן צו שיכורן.

ביי מיר אין שטוב איז געשטאנען א פלאש מיט זיסן ווייך פון ישראל. ווען איך בין געהאט אוועקגעפארן אויף דאטשע, איז די פלאש מיט „כרמל"־ווייך געבליבן שטיין אין איינעם פון די שענקלעך. ווען איך בין צוריקגעקומען, האב איך באמערקט, אז עס איז געבליבן שטיין א ליידיקע פלאש פון זיסן ווייך פון ישראל.

עס איז מיר איצט קלאר געווארן, אז די גוטע הגר האט אין אירע שווערע מאמענטן אויסגעטרונקען דעם זיס־ווייבערישן ווייך פון דער פרעכטיקער פלאש. און ווען דער בעל־הבית האט באמערקט, אז זי וואקלט זיך אויף אירע יונגע פיס פון אביסל שכרות, האט ער איר אפגעזאגט פון דער ארבעט. אבער הגר איז קיינמאל פריער קיין שיכורטע נישט געווען. איך האב דערציילט דעם בעל־הבית פון דער אומשולדיקער פאסירונג מיט דער פלאש ווייך פון ישראל, און הגר איז צוריקגערופן געווארן אין הויז אריין.

הגר האט עטלעכע יאר צייט געטריי ווי א הונט געארבעט אין הויז. זי האט תמיד מיט ווארעמער דאנקבארקייט אין אירע אויליק־פייכטע אויגן מיך באדינט און גערייניקט פון שטויב מיין קליינע שטוב.

הגר, ווי שוין געזאגט, האט קיינמאל פריער אין איר לעבן נישט געשיכורט. איינמאל האט זי זיך טאקע פאר מיר מודה געווען: עס איז געווען א זומערדיק־הייסער טאג. זי איז געווען שטארק דארשטיק. זי האט אפילו, אזוי האט זי דערציילט, נישט געוואוסט, אז עס איז געווען ווייך אין דער אנציענדיקער פלאש. זי האט געטרונקען און זי איז קעגן איר אייגענעם ווילן געווארן שיכור. שפעטער האט זי זיך געוואקלט אויף די פיס און האט מער נישט געקענט טאן איר ארבעט אין די צימערן.

איך האב פון איר דערציילונג הארציק געלאכט.

## אייזיק גאלדבערג

## פאריזער איינדריקן

נאך גוט וואס עס איז היינטיקע צייטן שוין געווארן א טראדיציע ביי לייטן צו האבן „האלידעיס", צו פארן צום ים אדער קיין אויסלאנד אויף אפרו, אזוי אז עס העלפט איינעם באמת זיך אפצורייסן פונם גרויען טאגטעגלעכן לעבן און אויפצופרישן דאס געמיט מיט עפעס נייעס, וואס מען טרעפט דארטן אן.

נאטירלעך האט מען שוין אין זינען ביי אט אזא געלעגנהייט אויך אויפצוזוכן קרובים און פריינט, וועמען מען האט נישט געזעען אין משך פון א לענ־



גערער צייט. אט אזוי האבן מיר, מיין פרוי און איך, באשלאסן, אז האיאר פארן מיר קיין פראנקרייך, כדי טאקע צו פארברענגען מיט איר משפחה — א נצול־געווארענע שוועסטער פון דער מלחמה און אירע טעכטער, איידעמס און אייניקלעך.

ביטער־זיס זענען די זכרונות, מיט וועלכע מען טיילט זיך ווען מען באגעגנט קרובים אין פראנקרייך נאך אזא לאנגער צייט. מען דערמאנט זיך יענע טרויעריקע מלחמה־יארן, ווען דער טויט איז אונזערע מענטשן תמיד געשטאנען פאר די אויגן; היטלערס קאנצענטראציע לאגערן און ווי מען איז דאך מיט נסים געראטעוועט געווארן! קינדער האבן געפונען א מקום־מקלט אין א קאטוילישן קלויסטער, איר שוועסטער איז שוין געשטאנען מיט א שטיקל זייף אין דער האנט אויפן וועג צו א קרעמאטאריע און געבליבן לעבן . . . בעת העם מאן האט מען דערשאסן. אן איידעם, דער איינציקלעבן־געבליבענער פון א גאנצער יידישער משפחה. בכלל לעבן יידן אין פראנקרייך נאך אלץ אונטערן רושם פון די גיהנום־יארן פון היטלער־רעזשים.

אלץ ביים אלטן בלייבט אבער נישט. די שארית־הפליטה זענען זיך צוזאמענגעקומען אזוי גיך ווי מען האט נאר געקענט, כדי אויפצולעבן די יידישע עקזיסטענץ און אויך צו שאפן קולטורעל־געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, רעליגיעזע און נאציאנאלע ווי אויך וועלטלעכע.

אויפן וועג שוין אהיים האבן מיר נאך פארברענגט אייניקע טעג אין פאריז — די שטאט פון ליכט מיט איר רחבות אבער אויך כמעט אומבאגרענעצטער נויט! עס קאכט דא דאס לעבן ווי אין א קעסל, און דער גאסן־פארקער איז אין־לשער, הגם די שטאט איז פארהעלטעניסמעסיק קלענער ווי לאנדאן. דער באזוכער דא פילט ווי דער איינדרוק פארכאפט אים דעם אטעם.

קונסט־געביידעס אויף טריט און שריט, אזעלכע וואונדערלעכע בולווארן, מיט קאפעען, וואו מענטשן זיצן און פארברענגען צווישן זיך אדער מיט פריינט און קרובים; גרויסע סקווערן, וואס מען קען זיך גארנישט אפוואונדערן פון זיי, און די נאך פרעכטיקערע מוזעאומס!

אזויווי פאריז אליין האט נישט געליטן פון מלחמה־באמבארדירונגען, איז דא אלץ געבליבן כמעט ווי פריער אינם אייגנארטיקן בוי־סטיל, הגם זער געשמאקפול. דעריבער טאקע ווען עס קומט אויס צו גיין איבער די זייטיקע, שמאלע מיטלאלטערלעכע געסלעך, מאכט עס נישט קיין איבריק גוטן איינדרוק . . .

ביי א באזוך אין א קאפע אויף פלאס דע לא רעפובליק, א טרעפפונקט פאר יידישע שרייבער און קולטור־טוער, האט מען מיר אנגעוויזן אויף דעם באקאנטן שרייבער אברהם ווייץ. צווישן אונז האט זיך פארבונדן א שמועס, בעת וועלכן איך האב אים דערציילט ווי גערן איך פערזענלעך לייען זיינע ווערק און ווי מען נעמט אויף זיינע זאכן אויף די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס" ווען איך טראג זיי פאר פארן עולם. דער חשובער שרייבער האט זיך געפילט דערמוטיקט צו וויסן, אז ער איז אויך באקאנט אין די לאנדאנער יידיש־ליטעראַרישע קרייזן.

דאס פאריזער יידישע „פלעצל" האט אויף מיר געמאכט גאר א באזונדערן איינדרוק, מיט זיינע זער שמאלע געסלעך און אלטע, פיר־שטאקיקע הייזער. די טראטוארן דארטן זענען אזוי שמאל, אז בלויז איין פערזאן קען זיך באוועגן אויף זיי אין דער אדער אין דער אנטקעגנגעזעצטער ריכטונג. ביי א טייל הייזער זעט מען אונטערשפארונגען, כדי זיי זאלן נישט צוזאמענפאלן, וואס מערערע בעטן זיך ממש מען זאל זיי איינלייגן . . . דא און דארט זענען די ווענט באשעדיקט.

מען זעט דא אסך געשעפטן, הויפטזעכלעך היימישע שפייז־קראמען און בעקערייען, בוכהאנדלונגען און יואווועלירן, ווי אויך שניידערייען.

אין שויפענסטער פון איין געוועלב האב איך גאר געזען אן אויפשריפט:— בית־המדרש! אויס נייגיריקייט בין איך דארטן אריינגעגאנגען, וועלנדיק אויסגעפינען וואס עס טוט זיך. אן אלזשירער ייד א מלמד, מיט א גלאטיק פנים, איז געזעסן און געקנעלט מיט יינגלעך און מיידלעך עברי. צוויי יינגלעך האט ער געהאלטן אין צוגרייטן פאר זייער בר־מצוה. פארשטענדיקן זיך האבן מיר נישט געקענט, ווייל ער האט בלויז גערעדט פראנצויזיש, שפאניש און עברית. גראד אבער איז אריינגעקומען אן אלטע באבע, וואס קען יידיש און פראנצויזיש, און מיט איר הילף האבן מיר שוין געקענט זיך אביסל אדורכרעדן.

עס קומט אים אן זער שווער, האט דער מלמד געזאגט, אויסצולערנען די קינדער צו לייענען פון סדור ארויס, אבער פון אויסנווייניק קענען די קינדער די ברכות ווי א וואסער.

אויף א טישל אין א ווינקל זענען געשטאנען גלעזער אייל מיט אנגעצונדענע קנויטן — משמעות יארצייטן. אויף א בענקל אין א זייט איז געזעסן א מיידעלע און געשטיקט א ספר־תורה מענטעלע.

פארן אוועקגיין האט דער מלמד מיך נאך מכבד געווען מיט א גלעזל אלזשירער טיי, וואס האט אויסגעזען געל און געהאט א מאדנע זיסלעכן טעם.

לויט ווי מען האט מיר דערקלערט, זענען די אלזשירער יידן מערסטנטיילס נאציאנאל און שטרענג רעליגיעז, און דאך קומען פאר צווישן זיי נישט ווייניק געמישטע חתונות . . . זיי, די אלזשירער יידן, באוואוינען איצט דאס „פלעצל" אין גרויסע צאלן. די הייף זענען נישט איבריק זויבער און די היגיענישע באקוועמלעכקייטן — קנאפ. די קינדער רעדן א מישמאש פון שפראכן, א זשארגאן פון פראנצויזיש, שפאניש און עברית. יידיש הערט מען שוין זעלטן.

אויפן וועג פון פלעצל, פרעגנדיק א פארבייגייער ווי מען גייט צום פלאס דע לא רעפובליק, האבן איך גראד אנגעטראפן אויף א ייד, וואס שטייט גאר נאענט צום יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, א מיטארבעטער פון דער „נייער פרעסע". מיר האבן זיך צערעדט א שיין ביסל צייט איבער יידישער קולטור אין פאריז, אין לאנדאן און אזוי ווייטער. מען האט זיך קוים געקאנט אפרייסן איינער פונם אנדערן; עפעס ווי מיר וואלטן געווען אלטע ידידים.

מיר האבן זיך געגעבן די אדרעסן און צוגעזאגט צו בלייבן אין שריפטלעכן קאנטאקט. דעם צווייטן טאג נאך מיין קומען אהיים, צו מיין איבערראשונג, האב איך באקומען פון יענעם א בריוו! דער ייד באדויערט וואס מיר



לאזן זיך אזוי פארשכורן פון טאג־טעגלעכע ענינים און שטייען נישט ווי געהעריק אויף דער וואך בנוגע די נייע סכנות, וואס דראהען דער גאנצער מענטשהייט און דעם יידישן פאלק בפרט!

אז מען באגעגנט אט אזא יידישן ייד אין א פרעמד לאנד, פילט מען א נאענטקייט, אן אנטימקייט, א מין פארבינדונג ווי מיט אלטע, היימישע פריינט. עס איז די יידיש־לשון בריק, וואס פאראייניקט אזוי אונז יידן אין אלע פרעמדע לענדער און קולטורן. דורך אט אזא באגעגענונג פילט מען זיך דערהויבן, עפעס גאר אנדערש . . .

## עלא זילבערג

### הערבסט

וווי גיך איז דער זומער פארגאנגען,
ווי גיך אלע בלומען פערבליט,
קוים זיך די קנאספן צעעפנט,
קוים זיך די זון האט צוגליט.

און בלעטער פארוועלקטע שוין פאלן,
און ביימער פערלירן די פראכט,
און וואלקענס ווי מעכטיגע פליגלען,
פערוואנדלען דעם טאג באלד צו נאכט.

און רעגן, און רעגן, און רעגן!
ווי טרערן פון אונגליק און פיין,
און ווינטן ווי הונגעריקע חיות,
ברומען ווי א שרעקלעך געוויין.

ווערט אזוי שווער אויפן הארצן,
צו גיך איז דער זומער אוועק,
שטייען ווי גראע געשטאלטן,
אין יאוש די הערבסטיגע טעג.

וויל איך איין שטראל כאטש בעהאלטן,
א שטראל מיט דעם פרילינג פארוועבט,
טראכט איך פון מיין ליכטיגע יוגענט,
ווערט ווידער דאס הארץ אויפגעלעבט.

---

מיר דרוקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל צו די פרוי זיסערמאן און קינדער, צו דעם גרויסן פארלוסט פון איר ליבן מאן, אונדזער פריינט און לאנדסמאן **מ. זיסערמאן.**

איזיק גאלדבערג און פרוי פון לאנדאן

---

## א. נ. שטענצל

# ע ר ד (המשך)

### 2

ווי גרויס איז גאנץ אמסטערדאם ? כ׳מיין ס׳יידישע, פון דער יאדנסטראאט ביז צו דער דיאמאנטן־בערזע ! און דא, צווישן די משונהדיק טומלדיקע געסלעך מיט די שרייענדיקע „חטא׳סים״ ביי די סטראגאנעס און מארק־טישלעך און אייליק לויפנדיקע, שוויצנדיקע יידן מיט פארשארטע קאפאלאטשן איבער צעקניטשטע שטערנס, זענען בייטאג פול די רעסטאראנדלעך און ביינאכט די פריש־צונויפגעשטעלטע בתי־מדרשימלעך ; און ארום אין די ארעמע האטעלעכלעך און ביי נישט גאר זויבערע קאפעפע־טישלעך זיצט „עמך״, ס׳ביסל אנגעלאפענע ארבעטער, גאנצע בעל־מלאכות און האלב־אינטעליגענטן. מ׳זוכט עפעס א תיקון — א קלוב, א קרייז, א שטיקל פאריין ווי נישט איז צו גרינדן. מ׳קאן טאקע נישט אויסקומען צווישן זיך, מיט די אלע נאך נישט גוט־פארדייעטע טעאריעס. מ׳קאן זיך נישט אויסגלייכן מיט די כלערליי „איזמען״ ; א צעירי־ציון, א פועלי־ציוניסט מיט א בונדיסט, קוקט זיך איינס דאס אנדערע אן מיט אפאר אויגן זיך צו דערשטעכן און א קאמוניסט וויזט א פויסט, מיט צייך בידע אויפצועסן. כאטש האבן א שטוב, א מקום־מקלט, וואו מ׳זאל זיך קאנען פראנק־און־פריי צווישן זיך ארומרייסן. עפעס האבן מיר דאך, סוף־כל־סוף, אויך שותפותדיקס : די יידישע ליטעראטור, יידיש־טעאטער, יידישע קולטור, גרינדן אן אמאטארן־גרופע, א געזאנג־פאריין.

אין די יידישע קאפעס און רעסטאראנען האבן זיך געוואלגערט יידישע צייטונגען ווארשעווער, אמעריקאנער ; מ׳האט שוין געוואוסט ביי דעם חבר קאן מען זיך בארגן א יידיש־ליטעראַרישן זשורנאל פון ניו־יארק, א ניי דערשינען בוך פון אש, פון רייזינען ; אויפן מייערפלעין ביים פוילישן בעקער געפינט זיך א שאנק יידישע ביכער, וואס א געזעלן האט מיט זיך מיטגעברענגט פון אן אויפגעלייזטן פאריין פון יידישע קוילן־גרעבער אין רהיינלאנד־וועסטפאלן. א יונג, א טישלער, האט געמאכט א שאנק און נאך אנדערע ביכער האבן צוגעלייגט חברים. א ניי בוך באשטעלט אין ווארשע, אין ווילנע ; און צו יעדער צייט, בייטאג, ביינאכט, אפילו נאך האלבער נאכט, האט מען געקענט אראפגיין צום בעקער אין קעלער אריין און זיך אליין ארויסנעמען א בוך פון שאנק און — די שאנק איז אלץ פולער געווארן. אז דער ארון איז נאר דא, וועט מען שוין דאס משכן אויפשטעלן ; האט מען זיך ביטער געוויצלט — אבער עס רעדט זיך לייכטער ווי עס טוט זיך !

דאס, וואס טוט זיך אויף דער יבשה, טוט זיך אויפן ים — אין אמסטערדאם איז שוין געווען דער טומל פון יידישער קולטור פון א היימיש יידיש שטעטל. מ׳האט אנגעהויבן פילן א שטיקל באדן אונטער די פיס. עס האט זיך געוואקלט ווי אויף א גראכט־בריקל ; געראטעוועטע אויף ברעטער פון א צעשמעטערטער שיף טרעפן זיך אין א מאטראזן־שענקל חברים און א געסל אונטערן רעמבראנד־פלעין און מאכן א לחיים . . .



מ׳האט שוין געוואוסט, אז איך בין א „פאעט״ ! און א צווייטער מיינסגלייכן, מיט א קענזשער האר, מיט אפאר גרויסע אויגן, האט מיר פארגעלייענט זיינע „שאפונגען״ און געקוקט אין מיינע פארגאפטע, גרויס־ארויסגעזעצטע צו לייענען פון זיי מיין מיינונג . . . אפאר טשענסטאכאווער פונם „גראסער־קלוב״, פונם פרץ־געזאנג־פאריין, זענען דא און דער חלוץ האט אויך שוין געהאט דערציילט ביי אזא טישל אין א קאפע, וועגן דעם געפלאנטן זשורנאל אין דארטמונד . . . אין פוילישן חסידים־שטיבל האט מען אויך געוואוסט מיין יחוס . . . און דער טאטע, באקומענדיק מיין ערשטן בריוו פון אמסטערדאם, איז שוין געשטאנען אין קארעספאנדענץ מיט אן אלטן פריינט א טשענסטאכאווער, א דיאמאנטער פון אנטווערפן, יעצט א „מיליאנער״ אויף דער דיאמאנטן־בערזע אין אמסטערדאם, א געוועזענער מחותן פון בענדינער רב, טאקע דער שווער פון בענדינער רבס טאכטער יענע, וועלכע האט געשריבן לידער און וועגן וועלכע פרץ האט געשריבן.

כ׳האב טאקע שוין נישט געהאט דאס לעדערנע רענצל מיט מיינע „שאפונגען״ ; דעם שווארצן פאלטן מיטן האלב־רבנישן קאפעליוש האט שוין געטראגן א האלענדיש פויערל זונטאג גייענדיק אין דער „קערק״ ; און על־כולם דאס בערדל מיינס, וואס איז איבערגעבליבן ביים פריזירער אין דארטמונד ! אבער פון איין זייט האבן מיך אונטערגעשיקטע שדכנים געשלעפט אויף „זעאונגען״ אין נגידישע הייזער, צו לאנדסלייט אויף טיי־מיט־פארבייסן, אויף שבת־אויבס . . . זיך צונויפטשעפענדיק מיט סעמינאריסטן פון „עץ־חיים״, האב איך געזען, אז מ׳חלשט דארט פשוט נאך א בחור, וואס קאן א בלאט גמרא מיט תוספות ; און פון דער אנדערער זייט, ביי די קאפע־טישלעך, אין די רעסטאראנדלעך, איז נויטיק געווען דער עלעקטרישער פונק, דער מאגנעט, אז ס׳זאל טאקע געשאפן ווערן דער געגארטער פאריין. און אט דרייט זיך ארום שוין איניקע וואכן פון קאפע צו רעסטאראנדל, פון טישל צו טישל, א ליידיקגייער, אן אומפארטייאישער, צווישן הימל און ערד טאנצדיקער, אן אייגענער פאעט — א שווימענדיקער אינם ים־הדיסקוסיעס ! שטעלן כאטש ארויף, אזא איינעם אין א צונויפגעשטעלטן פאריין אויף א צונויפגעבאדעוועט בינעלע, האלט ער דיר אפ א פארטראג מיט גאנצע „קעסטל־פאראגעס״ . . .

פון די אלע דיסקוסיעס פון דעמלט, פון די אלע ליטעראַרישע שמועסן, מיט באוואוסטזיניקע ארבעטער, מיט האלב־אינטעליגענטן, מיט גאנצע, און נישט נאר אין די קרייזלעך, — געדענקט זיך אט וואס —

אין אמסטערדאם האט זיך געפונען א העבראיישער לערער, סטראשון — דער נאמען אליין איז שוין צו עפעס מחייב ! בפרט אליין א שטיקל העברייאישער שרייבער, א געוועזענער ליטווישער עילוי ; א קליין געפאקט אפגעבליאקעוועט יידל, מיט א שפיציק קמץ־בערדל, אחוץ דקדוק — גראמאטיקע ! — איז נאך געבליבן אביסל ליטוויש־געפעפערטער הומאר ; פון זיינע קוציזכטיקע, אויסגעלאשענע, דערשלאגענע אייגעלעך, האט ארויסגעקוקט א פריילעך־קלוג קוהלת־שמייכעלע — גאנצע צוועלף שעה א טאג האט ער געקלאפט די יאדיש־רייכע, די ניי־אנגעפארענע רוסיש־יידישע גבירים־טירן, מיט זיינע לעקציא־

נען־שיעורים־אוראקן . . . זיין ווייב איז געווען אן אינטעליגענטקע, א ווילנער סטודענטקע פון 1905 ! . . . און אט ביי דעם סטראשון אין הויז איז געווען א מקום־מקלט פאר דער אינטעליגענץ ! ביי אט דעם סטראשון אין שטוב האט אלץ אויפגעהערט — מיינס־דיינס, ציוניסט־קאמוניסט, פויליש־ליטוויש — פיר און צוואנציק שעה אין מעת־לעת האט מען דארט גערעדט על ד' ועל משיחו. אן אפגעדאנקטער מיסיאנער פון פאלעסטינע, וואס די טערקישע רעגירונג האט אים ארויסגעשיקט בשעת דער מלחמה און אדאנק זיין האלענדיש ווייב באקומען די האלענדישע וויזע, האט אויך דא אין דער שטוב געפונען זיינע מנוחה־שעהן — אן אמאליקער חבר פון די ישיבה־יארן . . .

די סטראשונס זענען שוין געווען דא „איינגעזעסענע“, אנגעזעען אין יאדישע ווי אין ציוניסטישע רייכע הייזער. און מיט זייער ליבשאפט צו די ניי־אנגעפארענע אינטעליגענץ געזען, אז עס זאל עפעס אראפפאלן פון די רייכע נגידישע טישן . . . האט זי אויף איינעם געווארפן א גוט־אויג, האט זי אים די שווייסיקע שקראפעטקעס, דאס פארלויזטע העמד געקענט וואשן. אים געקעכלט ווי אירע צוויי יינגעלעך, וואס אין זייער איבערגעשטאפטקייט און בייכלדיקער פעטקייט האבן די קליינע רויט־באקיקע פאמפעשקעס ממש אויסגעזען ווי זייער בייכלדיק־געפאקטער, קליין־וואוקסיקער טאטע — עס האט זיי נאר אויסגעפעלט די קמץ־בערדלעך, דאס קוהלתדיקע, קלוג־טרויעריקע אין די אויגן . . .

שפאצירנדיק מיט אירע יינגעלעך, האט פרוי סטראשון ליב געהאט ארומגערינגלט צו זיין דעמלט פון דער אינטעליגענץ און זיך דערקונדיקן וואס יעדן איינעם פעלט. פרוי סטראשון, אין איר איינזאמקייט גאנצע טעג, ווען איר מאן איז ארומגעלאפן מיט זיינע „אוראקן“, האט אויפגעלעבט מיט אונז. ס'איז ממש געווען „חדש ימינו כקדם“ — די רעוואלוציע־יארן 1905־1906, ווען זי איז אנטלאפן אן ארויסגעראטעוועטע פון ציטאדעל . . .

און אט אזוי שפאצירנדיק איינמאל בחברותא ביי דער אמסטעל אין א זונטאג פארנאכט, דער נידערלענדיש־צעשפילטער הימל אין די קאלירן־באוועגטע כוואליעס, די טוליענדיקע פארלעך אין זאמדיקן ברעג, בין איך מיט איינעם א יונגן אינזשעניר, אויב כ'געדענק א ד"ר ליפשיץ, געבליבן פון הינטן פון דער חברה. מיר רעדן, דער טיפער שמועס, די אוונט שטימונג, ער זעט מיין קעלבערנע התפעלות פאר יעדער מינדסטער קלייניקייט, ווי איך קריך ממש ארויס פון די כלים, בלייבט ער שטיין א ווייל און קוקט מיר קיל אין מיינע פארגאפטע אויגן אריין: „איר ווייסט, איר וועט אמאל זיין א גרויסער פאעט“. איך קוק אויף אים פארחידושט, מיינע אויגן רייסן זיך נאך גרעסער: שוין זשע פון די פינף־זעקס לידלעך, וואס איך האב אים פארגעלייענט האט ער עס טאקע דערטאפט? און אז איך וואלט מיט מיר נאך געהאט די דריי קאיעטן מיט לידער און די דריי איין־אקטערס? . . .

דער קוק זיינער ענדערט זיך נישט. ער זעט אויך מיין פארחידושן זיך און אפשר אויך מיין הנאה פון דעם, וואס ער האט געזאגט און זיין פנים באקומט מיטאמאל אזא פעפערדיק־זיס שמייכעלע: „איר הערט, חבר פאעט, ווייל



אזא גרויסן שוטה, ווי איר זענט, האב איך נאך נישט אין מיין גאנץ לעבן באגעגנט“. און מאדנע איך האב דערפילט א קאמפלימענט אין זיינע ווערטער.

איז טאקע געווען א נס, וואס דער שווארצער דעמלט האט מיר געגעבן א ריס ארויס דאס רענצל מיט אלע מיינע „כתבים“; ווארום אז נישט, שווימענדיק איצט אזא „העכט“ אין די מאגנטע, אביסל אונטערשפירנדיקע אמסטערדאמער גראכט־וואסערן, וואלט איך שוין מסתם געקראגן מיינע מעצענאטן אדער גאר א נדן ארויסבאקומען אפצודרוקן מיינע „שריפטן“ . . . וואס איז אלץ קאפאבל א פאעט צו טון די וועלט צו „בארייכערן“ מיט זיינע „שאפונגען“ . . . און די „געזאמלטע ווערק“ וואלטן געהייסן „מיינע ביכורים“ — דאכט זיך דעם נאמען האט נאך וועוטשע געהאט פארטראכט . . . יא, אין יענע יארן 1919־20 זענען נישט ווייניק אזעלכע „ווערק“ ארויס אויפן יידיש־ליטעראַרישן מארק . . .

אזוי זענען יענע דריי פארפאלן געווארענע קאיעטן מיט מיינע לידער און איין־אקטערס, געשריבן אין די יארן 1917־19 געווען די „ערלה“־יארן פון מיין שרייבן..

ס'איז געווען שווער אפצומאכן דאס ביי זיך ! אבער אין אונטערבאוואוסטזיין האב איך עס געפילט. כ'האב אים געפילט דעם נס אין מיר: כ'בין פריי, כ'קאן אויפסניי אנהייבן ! וואס־ווען, האב איך נישט געוואוסט... אין דעם טומל ארום מיר, אין דעם פלאנטער אין מיר, אין דעם תוהו־ובוהו האט עס זיך צערשט געמוזט אפשטיין, אויסקריסטאליזירן, אפוויקלען... איינס האב איך געוואוסט: דאס וועלטל מיינס מוז זיך אויסברייטערן — ווייטער פון דער יאדנסטראאט און די דיאמאנטן־בערזע . . . אונטערן וואקל פון מיינע פיס מוז איך באקומען מיין שטיקל ערד, א צעגראבנס, א זון־צעשטראלטס, צעבליט, צעוואקסן — שאבמאט־צעקעסטלט . . . פון צעדרייטן ישראליק, מיט דער אויסגעדארטער קלאטשע, וואס ליגן פויל־בטלדיק פארחלשטע אין דער זון, מוז ווערן א פערד פארן אקעראייזן און א פויער מיט די לייצן פעסט אין דער האנט, פון הינטן.

ניין, איך קאן קיין קוילן־גרעבער נישט זיין, מיינע ישיבה־בחורישע ארעמס זענען צו שמאל; מיינע פינגער צו דין אין א ווארשטאט צו זיצן מיט געצייג אין די צען־צוועלף שעה א טאג; א פראפעסיע יעצט נאך צו לערנען, צו שטודירן האב איך נישט די מעגלעכקייט און איך בין אויך נישט דער מענטש הערצו... ווערן א לופט־מענטש מיט שטעקעלע, אן איידעם אויף קעסט?

יא חלוץ, נישט חלוץ, דיסקוסיעס אהין, דיסקוסיעס אהער . . . וועלט־רעוואלוציע? ארץ ישראל? אבער לעבן דערווייל טוט מען דאך, און אויב מען לעבט, מוז מען דאך זיכער עסן; און — „בזיעת אפיך תאכל לחם“!

גוט, ער איז גערעכט דער חבר, איך קאן נישט מיט אים מיטפארן אויפן דארף ארויס העלפן ביי דער תבואה־זשניווע, ביים גראבן קארטאפל — ס'איז נישט מיטלויפן מיט א שווארצער דורך א גרענעץ... מ'מוז האבן כוח, מ'מוז האבן ידיים, מאזאליעס צענטנער־זעק צו טראגן אויף די פלייצעס אין דער ברענענדיקער תמוז־זון . . . נו, וועל איך מאנטאג מיטגיין צו דעם גערטנער

קיין שלאטן. כ'וועל מיר שוין געפינען א „באס", א גערטנער — כ'וועל קאפען מיט דער נאז! איז נישט קיין פויער מיט אן אקעראייזן, איז א גערטנער מיט א שפאטן — א שאוול אין דער האנט קאן איך דאך האלטן . . . נאך אינדערהיים אין קוילן סקלאד האב איך עס דאך שוין געלערנט . . . און פון דער יידישער ליטעראטור איך שוין אזויפיל ארויסגעלערנט, אז ארבעט איז נישט קיין קללה, אז ארבעטן איז נישט קיין שאנד . . .

* * *

נישט נאר פאר א געוועזענעם בית־מדרש בחור, וואס איז נאך נישט געקומען אין בארירונג מיט א מיידל פה־אל־פה, נאר פאר די געוועזענע פויליש־רוסישע גימנאזיסטן, גאליצישע ערב־דאקטוירמלעך צווישן אונז, איז קלארע וואן ל. געווען דער שוואכער פונקט; נישט נאר איר עקזאטיש אויסזען — איר טעמפעראמענט, איר פעסטער כאראקטער איז געווארן דער מיטלפונקט פון דער חברה. זינט זי איז געווארן א חלוצה, געגאנגען צו א גערטנער ארבעטן, איינע פון אונז, איז וואס עפעס א שוועריקייט, א סכסוך כלפי פנים, האט שוין קלארע געפונען אן אויסוועג — אויסגעגלעט און ס'איז געווארן גוט. שוין איר דא־זיין צווישן אונז האט גוט געטון, געהאלטן צוזאם — ווי א מאגנעט, וואס האלט צוזאם צעריבענע אייזן־שטויבעלעך! אפילו די דיסקוסיעס אין איר אנוועזנהייט זענען ארויסגעקומען רואיקער, אויף א העכערן ניווא — די פראבלעמען האבן זיך ווי אליין פארענטפערט . . .

קלארע וואן ל., א שיינע גראטענע טאכטער פון א רייכער, אנגעזעענער אלט־פארטוגעזישער אמסטערדאמער משפחה, א ספרדי־טהור אזוי צו זאגן, אבער א שוין גאנץ אסימילירטער־דעגענירירטער, אבער ווי עס גיט זיך דאך אין טיילמאל ביי א לעצטן שפראץ — ווי א לעצטע רויז, א גליאיקע, אין לעצטע טעג פון הארבסט אויף א פארקושאקעטן דארן־בוים — וואס רייסט זיך מיט אלע כחות פון דער דעגענעראציע צוריקצוקומען צום נאטירלעכן שורש . . . די משפחה, גרויסע סוחרים, פלאנטאטארס, צעשפרייט איבער די האלענדישע קאלאניעס. דער אלטער טאטע, צוריקקומענדיק פון מעבר־לים מסחרים, א האלבער פילאנטראפ, א האלבער פילאזאף . . . פון די צוויי טעכטער געבליבענע מיט דער אלטער אריסטאקראטישער מאמע ווערט איינע א נאנע אין א קלויסטער און קלארע איז געווארן א פארברענטע חלוצה —

אז איך האב דעמלט ווידער אנגעהויבן צו שרייבן ליבע־לידלעך, איז דאך נאטירלעך . . . אבער אויך קלארע האט געפילט עפעס משפחהדיקס צו דעם יונגן אסט־יודן, צו דעם יינגלינג־פאעט, וואס ווערט רויט, וואס פאלט אריין אין כל־ההתלהבותן, אין פאנטאסטישע איינפאלן, ריידנדיק מיט איר.

און זעענדיק מיין פארלאנג, מיין חשק, ממש תאווה צו דער ערד, צו דער נאטור, צו פיזישער ארבעט; הערנדיק דאס אריינווארפן פסוקים איבער די הרי־ציון, ווי אט־א וואלט איך אראפגעקומען פון זיי, פאשענדיק מיינע ציגן־און־שעפסן סטאדעס — חברה האט נישט גענומען ערנסט מיין „פאעזיע", ראמאנטישע פאנטאזיע. ער וועט זיך „אדורכשלאפן", איבערחלומען און ס'וועט זיין נאך א לידל — קלארע האט אבער באשלאסן: „יא, פאלעסטינע ברויך



אזעלכע געטא־טרוימער" — און אז מאנטאג אין דער פרי נעמט זי מיך מיט קיין שלאטן און זי וועט שוין געפינען א „באס", א גערטנער.

פונם קרענצל בחורים בין איך שוין געווען דער, וואס האט „זוכה בגורל געווען" זי צו באגלייטן נאך האלבער נאכט אהיים, צו וויסן וואו זי וואוינט, כדי זי אפצואווארטן מאנטאג פארטאגס, ווען זי גייט צו דער ארבעט.

די וואן ל. ס'האבן נישט געוואוינט אין דער יאדן־ברע־סטראאט, אפילו נישט אין די אלייען ארויפצוצו אויבן נאך דער דיאמאנטן־בערזע, וואו די הערצבערגס. זיי האבן געהאט זייער „אפארטאמענט" אין מוזעאום־רעוויר.

ארויסקומענדיק פון „יידישן פירטל", איז קלארע ממש געווארן אן אנדערע; איר טעמפעראמענט, איר קול, אירע באוועגונגען — אנדערע, ווייבלעכער און די טעמע אויך אן אנדערע — ליטעראטור, פאעזיע! דאס איז דאך אויך, ווי נישט איז, מיין געביט . . . איר קאנגרעס־דייטש איז אויך געווארן ריין דייטש! „מאנד און שטערנע" !! . . . אבער וועלכער ייד פארשטייט דאס נישט קיין דייטש? . . . און דער עיקר נאך האלבער נאכט א פאעט מיט זיין מוזע . . . וואס שרייבט אין געהיים איבער איר זיינע ליבע־לידער . . . איך האב געשיט מיט טעאריעס, מיט אידייען, מיט נייע איינפאלן, שפיציקע, פלפולדיקע . . . כ'האב נישט גערעדט מיט קיין ווערטער, נאר ממש מיט פערזן . . .

קלארע אבער, קוקנדיק מיר קיל און שארף אין ברענענדיקן געפינקל פון די אויגן, האט געוואלט אויף א גוטן אופן מיר געבן צו פארשטיין, אז אייראפעאישע דיכטונג יעצט מיינט נישט די „געטא־לידער" פון מאריס ראזענפעלד. זי האט זיי געלייענט אין דייטשער איבערזעצונג . . . אויב איך וויל שרייבן לידער, מוז איך לייענען היינען, געטען, באדעלער, מעטערלינק, דעם האלענדישן פאעט וואן עדן. אויך איז איצט דא א יידין, א פארטוגעזישע יידין . . .

פארבייקומענדיק פארן „ריקס־מוזעאום", איז זי שטיין געבליבן מיט יראת־הכבוד, ווי פאר א מקום־קודש. זי איז נשתנה־צורה געווארן:

„דא מוז איך אריינגיין און אויפנעמען און דערפילן און לערנען . . . שוין מיטן קוקן בלויז לערנט מען . . . קומט אריין אין א צושטאנד, אין פארטיפונג. דרינען איז טויזנט יאר אייראפעאישע קולטור . . . טויזנטער יארן מענטשלעך שאפן . . . בלויז דער גרויסער רעמבראנד . . . אונזער איזראאילס . . . אויב איך וויל וועלן מיר אין א זונטאג אריינגיין צוזאם" . . .

איך האב שוין מער נישט געהערט. דאס ווארט „צוזאם" איז שוין פאר מיר גענוג געווען . . .

איך האב שוין די נאכט נישט געשלאפן! טויזנט זאכן האבן זיך מיר געפלאנטערט אין קאפ . . . „טויזנט יאר אייראפעאישע קולטור" . . . „אין זיך אויפנעמען, אין א צושטאנד קומען" . . . „דער גרויסער רעמבראנד" . . . טויזנט קאלירן דרייען זיך אזעלכע רענדער, וואונדערלעך — קלאראס גרויסע, שווארצע אויגן פון די בלויע, גרויסע, טיפע רענדער ארויס, קוקן אויף מיר חבריש, שוועסטערלעך, מאמעדיק. כ'האב מורא געהאט איינצושלאפן . . .

מיך אויפגעכאפט שבת אין דער פרי, איז די זון שוין געשטאנען הויך אין הימל — א נייע זון, אן אנדערע זון, א ליכטיקערע ווי דעמלט נאך, ווען

זי האט געשיינט זיבן מאל ליכטיקער... איך גיי נישט, ווי צוגעזאגט, צו די פינקלשטיינס צו קוגל, צו שבת־אויבס... צו היימישן בענדינער־טשענסטאכאווער „יאפצאק“ — איך בין געגאנגען צום „ריקס־מוזעאום!“

דורך די זעלבע גאסן, וואס ביינאכט כ׳בין געגאנגען, דוכט זיך אין די זעלבע פוסטריט, שריט נאך שריט, „צוזאם“ גיי איך און פון דער ליכטיקער זון איבער מיין קאפ שיטן זיך „מאנד און שטערנע“. און שוין, ווי שנעל — ווי מיט עפעס א קפיצת־הדרך — איך שטיי פארן „ריקס־מוזעאום“! ווי ריזיק, ווי מאיעסטעטיש — דער יראת־הכבוד, וואס איך האב נעכטן געזען אויף קלאראס פנים, איז מיך באפאלן...

ארויפקומענדיק די ברייטע מארמאר־טרעפ און דערזעענדיק דאס, וואס כ׳האב דערזען, בין איך נבהל ונשתומם געווארן, אן לשון געבליבן, קוים ארויסגעקריגן דאסווארט — שטייענדיקן פארן פארטיער — „רעמבראנד“.

כ׳בין געגאנגען דורך די זאלן, מיט די אויגן דורך די דורכזעעודיקע בילדער־באהאנגענע ווענט, ווי אויף שטאלצן כ׳וואלט געגאנגען, מיך גערדרייט און ווידער מיך אומגעקוקט, נישט צו רירן מיך פון ארט: די אפענע הימלען, די ווייטע וויגנדיקע פעלדער... און דא גאר לוט מיט זיינע טעכטער, נח מיט זיינע זין, אברהם ברענגט יצחק אויף דער עקידה... כ׳דערקען זיי! ממש פון חומש ארויס!!

און פלוצלינג, ארייננגעייענדיק פון איין זאאל אינם צווייטן, פאר מיינע אויגן, איבערן ביישטידל: „דער וואנדערנדיקער ייד“ איזראאילס — דאס בילד, דוכט זיך, שוין געזען אויף א „ווידאק“ אין יידישן זשורנאל, אבער די געוואלדיקייט, די גרויס, די מראה, דאס זיצן! כ׳בין געבליבן שטיין צום צייכן, פסוקים פון איכה האבן געשעפטשעט מיינע ליפן.

כ׳בין געגאנגען, כ׳בין געשטאנען — שעהן! קלארא איז גערעכט: קוקן, קוקן, מ׳לערנט מיטן בלויזן קוקן, מ׳ווערט אנגעזאפט, מ׳ווערט פול, כ׳שפיר ווי די אויגן מיינע ווערן גרעסער... אבער וואו איז דער „גרויסער רעמבראנד“?

איך פרעג מיך ביים פארטיער, ער ווייזט מיר דעם נעכסטן זאאל. איך קום אריין, פאר מיינע אויגן הענגט, שטייט איבערן גאנצן זאאל, א יידישע חופה — שפינאזע, ברוך שפינאזע שטייט אונטער דער חופה, און די כלה, די כלה! א ציטער איז אדורך מיין לייב: קלארא — א לבנה־נאכט באהאלטן אונטער פערלמוטערנע וואלקנס, שטערן שיטן זיך, שיטן זיך, גאלד און זילבער און דיאמאנטן און גאנץ אין פערל־שנירן באהאנגען.

ווילאנג כ׳בין אזוי געשטאנען? צי ערשט צוגעקומען, צי שוין שעהן?... כ׳הער קלינגען. צי קלינגען נישט די קליידער ווי די גלעקלעך פון כהן־גדולס בגדים?

דער מאן מיט די גאלדענע קנעפ האט מיר א ריר געטון ביי די פלייצעס. כ׳האב מיך אומגעקוקט, געמיינט ס׳איז א בילד אראפ פון דער וואנט, ארויס פון אונטער דער חופה. כ׳האב אבער באלד דערזעען, אז דער זאאל איז ליידיק און בין שנעל, ווי אן אויפגעכאפטער פון א חלום, ארויס.



ס׳איז פאראן א מאמענט פון „יש קונה עולמו בשעה אחת“. אין יענעם טאג האב איך געלערנט זעען, געלערנט ווי מ׳קאן לערנען מיט בלויז זעען, ווי מ׳קאן אויפנעמען מיט אויגן; פארשטאנען וואס עס מיינט צו „זיין אין א צושטאנד“ — ס׳האט זיך פאר מיר געעפנט א נייע וועלט, זי צו דערזעען מיט אפענע אויגן: „בגלוי עיניים“, צו זען מיט בילדער...

* * *

צוויי זענען זיי געווען אין גארטן, דער „באס“ דער בעל־הבית און דערעק, דער קנעכט. א גאנצן גייענדיקן טאג האבן זיין קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. זיי זענען געגאנגען פון ארבעט צו ארבעט און געשוויגן — געטון זייער עבודה בלחש! דא מיט די לאפאטעס, דא מיט די גראבליעס, דא מיט די אומקרויטהעק, דא מיט די „פאטערס“, דא מיט גיס־קאנען, דא מיט פעק שטריקלעך אין די גארטל־פאסקעס צו בינדן דעם „אנדייפי“, דא מעסערס אין די הענט צו שניידן דעם שפארגל;ביידע גרויסע, שטארקע, ברייטע!

אז דערעק האט זיך אראפגעבויגן צו דער ערד אויסצופלאנצן בלומענקאל, איז ער געווארן א מין גייענדיקער, באוועגלעכער דרייעק — א געטאפלטער, א געדרילינגטער דרייעק. צעשפרייט די צוויי פעסטע פיס צווישן דריי אנגעצייכנטע בייטן־רייען, דער רוקן פלאך, האריזאנטאל, ווי א ברעט דערויף צו ביגלען — די צוויי הענט, די צוויי שטייפע האלצענע פיס! דעם „פאטער“, דעם פלאנצער, אין איין האנט, דעם פאק פלאנצן — אין דער צווייטער; א שטעק מיטן „פאטער“ אין דער ערד און א שטעק א פלענצל אין לאך אריין. א שאר מיט דער האנט, א קוועטש צו מיטן „פאטער“, מיט איין פוס צוגעדריקט און מיטן צווייטן שוין געשפאנט — אויף צוריק; ווי אויסגייענדיק ביי שמונה־עשרה. קומענדיק צום סוף פון די דריי אויסגעפלאנצטע שורות, ווי מיט א ווירע, גענומען דריי נייע אנגעצייכנטע רייען; נאר אויב פריער איז דאס שפאנען געווען הינטערוויילעכס, איז עס יעצט געווען פארויס, און אזוי, נישט אויפגעשטעלט זיך אויף א רגע, ביז די גאנצע בייט איז געווען א פארפלאנצטע — א ברייטער פירעק, א קוואדראט פון גראדע ליניעס; פופציק מאל פופציק פלאנצן איין בייט.

פערטיק געווארן זענען מיר שוין, די לערן־יינגלעך. איך דער גרויסער דראנג, מיט די צעגלאצטע אויגן און טאדי, דאס קליינע האלענדישע פויערל, אין די האלצענע קלומפן, א פערצן יאריק יינגל א קיילעכדיקס, א לאכעדיקס מיט רויטע בעקלעך — זענען מיר שוין געשטאנען גרייט מיט די גיס־קאנען און אין יעדן פלאנץ־גריבל, אונטער דער פלאנץ, אריינגעגאסן אביסל וואסער, ווי אין א מנורה, ווען די אכט קנייטלעך שטעקן שוין אין די רערלעך — אביסל שמן־זית ברוימאייל... עס זאל איין פלאנץ פעלן!...

דערעק שטייט איצט ביי דער צווייטער בייט אין אנדערן עק גארטן. מיט איניקע טעג פריער געפלאנצט און איצט שטייט ער מיט דער אומקרויט־האק און גייט מיט איר אן שום אנשטרענג גלייך, גראד ווי מיט א בליישטיפט צווישן די שורות, ווי צו קארעגירן, אויסצורעכענען צי ס׳שטימט — יא, פופציק מאל פופציק — צוויי טויזנט פינף הונדערט; קיין איין פלאנצל פעלט נישט; נישט

פארברענט פון דער זון, נישט אונטערגעביסן פון אן אינזעקטל, פון א שלענגל, נישט אונטערגעהאקט מיט דער אומקרויט־האק.

דער „באס" קומט שוין צוריק פון די גלאז־פענסטער בייטן, וואו דער זוימען איז אויסגעזייט, וואו די פלענצלעך ווערן געציכטעט, וואו די בלומענטעפ שטייען, וואו דער „קאמפאס" ליגט א באדעקטער, א געפאנגענער א „געבונדענער" אינם געפלאנטער פון די אוגערקעס, קירביסן און דעם צעבלעטערטן רויבארבער. ער רופט אונז נישט, אפילו נישט קיין וואונק, מיר זענען שוין הינטן, טאדי און איך, ביי דער אפענער שטאל, וואו די לאדקע שטייט ביים קאנאל, וואס פירט אריין אין דער „סלאטע". דער „באס" אויף דער שיף, ער לאדעוועט פארן מארק און מיר זענען די דערלאנגערס. מיר שוויצן, די זון איבער אונז באקט שוין — איך וויל אויסשרייען, אין מיין יום־טובדיקע שטימונג: „א מצה אין אוויון אריין"! איך באהערש מיך...

די „געפאקטע" סאלאטן, די טיף־גרינע „אנדייפיס", די ארומגעשווירענע בלומענקאל־קאפ, די גרין־געלאקטע רויטע מייערן־בינטלעך, די ראש־חודש־רעטעכלעך. מיר דערלאנגען און דער „באס סדרט; דער בארג רויזע־רויטלעכע טאמאטן אינמיטן און ארום די בלוט־רויטע פייכט־צעגלאנצטע צוויקל־בינטן; ארום די קופע ארבעסשויטן און די „שניט־באנען", די פריש־געוואשענע ציבעלעס בינטלעך — ס'איז נישט קיין לאדקע מיט גרינס, ס'איז א בלומען־בוקעט, א שטרויס, א קראנץ — די זאפטיקע, ליכטיקע שפע פון דער ערד, ווי וואונדערלעך, ווי פרעכטיק־שיין, און ווי שכלדיק, ווי שכלדיק...

דאס שיפל בלייבט שטיין — און אזוי שטייען איצט ביי יעדער שטאל די גאנצע לענג פון דער סלאטע שיפל ביי שיפל, לאדקע ביי לאדקע און מ'נעמט זיך צייט אריבערצושרייען איינער צום אנדערן „כוט מארכן", „מאי וועדער פאן דאך" — און מיר גייען אין הויז עסן אנבייסן.

מיר לאזן שטיין די קלומפן ביי דער שוועל און מיר גייען אריין אין קיך — א בילד, אן „אינטעריער" פון א האלענדישן מייסטער אויפגעהאנגען אין „ריקס־מוזעאום"! די זויבערקייט פון דער פריש־געשייערטער פאדלאגע, יעדעס אראפגעפאלענע ברייזעלע אויף איר אויפצוהייבן און אויפצועסן... די דאמפנדיקע שיסל מיט „קארטאפל אין די שאלן" אינמיטן טיש — „של נעליך מעל רגליך כי המקום": די פרוי זיצט שוין א ווארטנדיקע אין די זאקן מיט די צוויי קינדער אויף בײדע שויסן. מיר זעצן זיך ארום, די קעפ לאזן זיך אראפ, דאס שטיבל ווערט פול מיט תפילה — איך בלייב זיצן א צעמישטער, אזוי שוין איבער דער גאנצער סעודה.

דער „באס" מיט טאדי זענען געשוואומען צום מארק, דערעק מיט מיר זענען געבליבן אין גארטן. די ערשטע צוויי טעג האט ער שוין געוואוסט צו וואס איך טויג! אפילו נישט צו פארקניפן ביי א קאץ דעם עק — נישט בלויז דעם „אנדייפי" אויף דער בייט צו פארבינדן טויג איך נישט, נאר צומאל נישט א בינטל מייערן צו מאכן אין שטאל.

האט מען מיר געגעבן צו האקן דאס אומקרויט. איז אדער כ'האב ארום דער פלאנץ געלאזט שטיין ס'גאנצע ווילדגראז, אדער די פלאנץ גופא מיט־



געהאקט. אויף די סטעזשקעס איז עס געגאנגען ווי א מזמור! אבער דעם טעכניש־פלינקן דריי, טאקע אזוי לייכט ווי מיט א פעדער געבן א קארעגיר?... און דאס איז דאך דער עיקר! אז נישט, ווערט טאקע די פלאנץ אויפגעפרעסן פון די גרעזעלעך ארום, קיין טראפ זון קומט צו די ווארצל־הערעלעך נישט צו און שלענגלעך צעבייסן די ווארצל...

און דאס זעלבע מיטן פלאנצן! שטיק אזוי א טאפלטער דרייעק צווישן דריי רייען, מיטן „פאטער" אין איין האנט און פלענצלעך אין דער צווייטער, בין איך פשוט געפאלן פון די קני און די פאר שוין איינגעפלאנצטע פלענצלעך צעקוועטשט מיט מיין פאל. און ווען דערעק האט שוין געהאלטן ביי דער זעקסטער ריי, האב איך נאך אין דער ערשטער נישט געהאט געמאכט קיין דריטל.

דערעק האט געהאט דעם דריי, אז בשעתן אריינשטעקן דעם „פאטער" אין דער ערד אריין, האט ער אים שוין בשעת מעשה ארויסגעצויגן; דער דריי איז שוין געווען בהעלם אחת — אריין און ארויס! ביי מיר איז ער שטעקן געבליבן אין דער פעטער ערד, נישט ארויסצוציען אים, כאטש כאפט אים די נכפה... און דא רייס אים מיט איין האנט און מיט דער צווייטער פארפלאנץ דאס פלענצל... און אפשר וויל כ'בין א געלינקטער!... כ'פראוואו אומצודרייען די יוצרות — איפכא מסתברא! טויג עס ערשט נישט, כאטש טו זיך א מעשה אן...

און דאס בעמלעכע האט זיך איבערגעחזרט ביי שפיטן (גראבן). האב איך אריינגעשטעקט דעם שפאטן אין דער ערד, האט ער געשטעקט! דערעק האט אפנים ביים „שפיטן" אויך געהאט דעם זעלבן דריי! מיטן שכל האב איך עס שוין משיג געווען ס'איז אן עבודה מיט א כוונה אויף להבא, ס'איז שתי מלאכות בבת אחת, הבאה צורך הכנסה היא — ממש א שטיק „עגלי טל" איבער די ל"ט מלאכות... דער דערעק איז אין מיין צעהיצטע פאנטאזיע אויסגעוואקסן צום גאון... אפנים דער, וואס האט געזאגט „די תורה איז טיף, שניידערײ נאך טיפער", האט געוואוסט וואס ער רעדט.

אלץ מוז זיין מיט א פארטל, מיט חכמה — מ'מוז טאקע קענען, מ'מוז לערנען; פון „דער נאדל אן" מוז מען לערנען...

טאדי האט אנגעהויבן מיט פערצן יאר. וועט ער, ווען ער וועט אלט זיין צוואנציק, זיין א געניטער גערטנער: דער קערפער זיינער וועט זיין אריינגעוואקסן אין דער ארבעט; יעדער בייג פארבונדן מיטן געצייג.

דערעק האט דאס אפנים אויך פארשטאנען! אנקוקנדיק מיך, דעם שטיפן דראנג, דעם פארצווייפלטן פלאקן, כאטש אים אריינצושלאגן אין דער ערד אריין... ער האט געקנייטשט מיט די ברייטע פלייצעס, געשאקלט מיטן קאפ און ליבלעך געשמייכלט, א חברישן קלאפ געטון מיר אין פלייצע, ווי איינער זאגט: נישקשה פון אן אנהייב... אמסטערדאם איז אויך נישט אויף איינמאל אויפגעבויט געווארן — אוי, האט מען געבאגערט און מען „באגערט" נאך...

עפעס האט ער מיט זיין געניטן און געזונטן חוש פון א פלינקן פאכמאן ארויסבאקומען, אז א שאול אין האנט קאן איך יא האלטן, נאר מיט א „שפאטן", א לאפאטע, מיט אן אומקרויט־האק ווי אומצוגיין וועט נאך לאנג געמען... און

ער האט מיך אריינגעפירט, ווי א פארמשפטן, אין שטאל הינטן ביי דער סלאטע, וואו די ארבעטס־כלים זענען געלעגן און וואו אין פינסטערן ווינקל זענען געווען דריי קופעס ערד, א ליימיק־געלע, א קלעפיקע און א קרוכלע־קרישלדיקע און דאס ארויסגעארבעטע־שליימיקע, פון דער סלאטע ארויסגעבאגערט, און מיר געוויזן ווי דריי מינים מוזן געריבן און געמישט ווערן און דורך דער דראט־זיפ אדורכגעזיפט. דאס־א איז דאס די געמאכטע ערד פאר די פרישע בייטן אונטער די גלאז־פענסטער און אויך צו פארקויפן פאר באלעבאסטעס אויפן מארק־ערד פאר בלומענטעפ.

ווי א זקן ורגיל, ווי א מומחה האב איך גענומען די שאוול אין דער האנט אריין און געמישט און געריבן און געזיפט. ווי אין דער מלחמה כ׳האב געמאכט קוילן ביי אונז אין סקלאד פון דער קופע מיאל, ארויסגעארבעט פון איר קוילן, האב איך יעצט גענומען מאכן „ערד“ — דערעק האט אנגעקוואלן, האט זיינע אויגן נישט געוואלט גלויבן: עפעס א מין נס — יא, ס׳איז געווען דער נס פון דער מיאל־קופע דעמלט אין די מלחמה יארן.

דערעק האט מיך געלאזט מיט מיין ארבעט און ער איז ארויס צו זיין עבודה און אין מיין קאפ האט אנגעהויבן צו ארבעטן עפעס א געזאנג, א ניי געזאנג, אן עבודה־פזמון, א מין שיר־השירים פון „כל עצמותי תאמרנה“; א געזאנג אנדעריש פון אלע געזאנגען — ס׳איז געגאנגען ריטמיש מיט יעדן הייב פון דער שאוול — כ׳האב געזעען ממש ווי ס׳מאכט זיך „ערד“: „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ“. הימל איבערן קאפ האב איך גענוג, לאמיך מיר מאכן א שטיקעלע, מיין שטיקעלע ערד — מיינע ד׳ אמות! דער שווייס האט זיך מיר געגאסן פון פנים. זיך אויסגעמישט מיט דער ערד, כ׳האב דערשפירט דעם גערוך פון דער ערד — מיין אייגענעם ריח... טעאָריעס? פראָבלעמען? ס׳איז דאך אזוי פשוט, פראסט און פשוט — א שטיקל „פשוט גמרה“!

ווען מ׳האט מיך שפעטער אריינגערופן צום מיטאג עסן און אלע האבן אראפגעבויגן די קעפ צום בעטן, האב איך שוין געהאט מיין אייגענע תפילה, מיינע אייגענע ווערטער — כ׳האב געשפירט אויף די ליפן דעם „הארץ הטובה אשר נתן לנו“.

ביים טיש בין איך אויך שוין נישט געזעסן קיין פרעמדער, קיין איינגעבעטענער — דאס פנים פונם אפגעווישטן שווייס האט געשיינט, האט געלויכטן.

נאכמיטאג האט שוין דער „באס“ אליין מיך גענומען לערנען גראבן די ערד — יא, אז מ׳קאן נאר האלטן א שאוול אין דער האנט; אז מ׳האט נישט מורא פאר קיין ארבעט, פאר בלאזן אויף דער האנט, וואקסן שוין מאזאליעס; אז מען פארזייט בלאזן, וואקסן מאזאליעס — האט ער שטיל געשמייכלט...

ווי אן אויסגעארבעטע פידל, ווי דער סמיטשיק אין דער האנט פון א קינסטלער, האט געארבעט די לאפאטע אין זיין האנט — געטאנצט און געגלאנצט אין דער זון! שטיל, אן ווערטער, ממש א פיזישע הנאה האבנדיק דערפון, בין איך געשטאנען און צוגעקוקט, און אין א רגע, אין א צווישן פון א רגע „דערכאפט“ דעם דריי — מער ווי אים משיג געווען! — אים דערזעען מיט



איך בליק... דערפילט די טיפע חכמה פון ארבעט...

איך האב געוואלט נעמען זיין לאפאטע און פראוואון, אנהייבן... „ניין“, האט ער געשמייכלט, „דאס איז מיין“. טאקע ווי א ווירטואז ווען מען וויל נעמען זיין סטראדיוואריוס־פידל, אויף וועלכער ער שפילט, און אויף איר שפילן...

ער האט ארויסגענומען א נייע לאפאטע, נאך מיטן רויטן צעטעלע אויפן הענטל פונם ווינקל, וואו ס׳איז געשטאנען דאס געצייג, די ארבעטס־מכשירים:

„דאס איז מיין מתנה פאר דיר. זעסט, ביז דער גריף, דאס האלצענע הענטל, וועט נישט זיין אזוי טונקל ווי מיין האנט פון שווייס, פון צעקוועטשטע בלאזן“...

ער האט נישט געענדיקט. ס׳איז נישט נויטיק געווען, ס׳איז אויך קיין צייט נישט געווען. ער איז אוועקגעגאנגען און איך האב גענומען גראבן די ערד. איך האב איינגעאטעמט איר פרישן אטעם. זי איז געלעגן אויף דער בייט ווי געשניטענער פרישער האניק־לעקעך. שאוול ביי שאוול, איינס אויפן אנדערן, ווי אויף א זילבערנער טאץ קייגנאיבער דער זון.

איך בין געבליבן שטיין א מינוט אויף מיין לאפאטע, דעם שווייס אביסל ארומצואווישן. כ׳האב געשפירט ווי מיינע נאז־נאזדרעס באוועגן זיך, מיין הארץ האט געאטעמט מיטן אטעם פון דער ערד. מיינע אויגן זענען מיר איבערגעגאנגען און די ווארעמע טראפן האבן זיך געמישט מיטן טריפנדיקן, הייסן שווייס. כ׳האב געהערט ווי מיינע ליפן שעפטשען דעם פסוק פון בענטשן: „על ארץ חמדה טובה ורחבה“. כ׳האב דערשפירט אין מיר ס׳הייפעלע־ערד...

און וואס איז דען גאנץ אמסטערדאם, אויב נישט אזא הייפעלע ערד פון זומפיקע בלאטעס ארויסגעבאגערט? א סעמיראמיס־גארטן וואקס אריבער די קאנאל־ברעגעס ציגל־רויטע מויערן, די שימלדיקע גרונט־שטיינער שימערן שמאראגד־גרין געשניטן און „געקליוועט“ פון די חלפים־גלאנציקע וואסערכוואליעס — דאס וווּנדער פון אויפוואכנדיקן אייראפע.

און וואס איז דען דער גאנצער ערד־קיילעך אויב נישט אזא הייפעלע ארויסגעבאגערט פון די תהומיק־קוואליקע וואסערן?...

## ארויס צום ים

(ליריש־אידיליש)

ביי וואולוווארד א שרייב־העפט, א בלייער מיר געקויפט,
פאר ביסל דאטשע־מטלטלין — א רענצל;
אפנים כ׳וויס דאך מיך צו ראטעווען אין צייט,
ווי מיין לעבן איך פארשאכער און צעטרענצל.

פארוואר, אויב כ׳פאר, נישט פאר מיין לעבן — פאר מיין ליד!
מיך נאר געקענט אין א נארע מיד־פארקריכן,
א זדעכלאק, א הונט, מיט לעצטן צאן ביין גריזשען,
ווארטן אויפן טויט — א פרומער ייד אויף משיחן.

ווי ווייט מיך לאזן? ביז ערשטער דאַרף־כאַטע כאַטש,
כאַפּן אַ קאַפּ אָטעם פאַר האַרץ, פאַר די לונגען —
אַזוי וואָלט זיך אָפּגעריסן פון זשאַווער־קייט
געטריי׳סטער הונט נאָך, ווען ס׳וואָלט אים געלונגען.

## אַ מוזע אזא

שוין אין געדרענג, פון צוג־שויב אַרויס אַ בליק בלויז,
אַרויסנעמען כ׳מוז דאָס שרייב־העפט און דעם בליישטיפט;
הינטער מיר אַ בת־קול פון לויטערן הימל:
„וואָס זיינען׳ס פאַר אַ אותיות, איז עס קורץ־שריפט?

„הינט־און־פערד־רעסעס? פרעגן אַ ,ווינער׳ אפשר?
זע נאָר פּערז־שורות גאָר, סטראָפעס גאַנצע — אַ ליד!"
כ׳דריי מיך שאַרף אויס — די זון דרויסן פון איר בליק גליט:
דערקענט, בלויז אין וועלכער שפּראַך ס׳שרייבט נישט אַלץ אַ ייד —

געוואָלט ענטפערן, אָבער בלויז צוריק געקוקט,
ס׳האָט אַזוי גוט געטון, אַזוי ווי געטון — כ׳שווייג!
ווי צוויי־דייטיק דער ליבסטער שמייכל קאָן נאָך זיין,
נישט אין האַרץ אַריין — אין רענצל אַריין אים כ׳לייג.

## דער מאָרגנשטערן!

ס׳האָט דער מאָרגנשטערן מיך אויפגעוועקט,
ווי באַגריסן מיך צו מיין אָנקומען;
דערשפּירט אים אין שלאָף שטיין איבער מיין קאָפּ,
און דרייען און וואַרפן מיך געגומען.

געעפנט די אויגן און דערהערט באַלד,
„ברוך הבא" דאָס ליבלעכע ברומען;
דערזען אין שויב צוויי צעשטרעקטע צווייגן —
מיר „שלום געבן" אַ בוים געקומען.

## מאָרגן - ווינטל

...ס׳דערוואַרטנדיק־אומדערוואַרטנדיקע,
פון וואַנען קומט עס פון אויבן, פון אונטן,
מעבר־לים־דאָרט, מאַרבע־רוחות־דאָ,
פון די טיפע אָפענע אונטערגרונטן?

אומגעריכט ווי באַרירט פון עמעצן,
ציט ציטערדיק צוקן צווישן די ביימער;
מיט געשעפּטשע פון בלעטל צו בלעטל,
גיט זיך שטיל איבער אַ סוד אַ געהיימער.



וואָס גייט דאָ וועדן, וואָס בעמט דאָ קומען?
ווערט נאָך מערער איינגעהאַלטן דאָס שווייגן;
אַ סטראַיענדיקער האַרץ ווערט יעדער שטאָם,
ווען ס׳מאָרגן־ווינט גייט צווישן די צווייגן.

## נעפל

עס איז פאַראַן אַ מולד ביי דער לבנה,
מען ווייסט גענוי די רגע ווען זי ווערט געבוירן,
אָבער איידער אַ זון פאַרטאָגס אויסגעטראָגן,
וויפיל מפּול׳ס אויף אַ פריער ווערן פאַרלוירן.

די חבלי־לידה, גרין און געל פון יסורים,
דער ים מיט בלוט אָן איבערגייענדיקער בעקן,
דער גאַנצער אָרום פול געוויין, פון געפּישטשע,
אויף אַלע וויסטע פעלדער רוחות גרוי זיך שטרעקן —

איבער דעם בלוט־באַפלעקטן קימפּעטאָרין־בעט,
אַלץ ענגער און אַלץ לענגער פאַרציט זיך דאָס ליילעך;
און נישט בלויז דער שיר־המעלות פון די שוואַלבן —
ס׳קריעת־שמע־לייענען פון די שפּערל, פאַרשטומט ווערט גריילעך.

## באַגינען

אַז דער באַגינען זאָל וואונדערלעך צעשטראַלן,
מוז די זון אונטער אַ וואָלקן זיך פאַרשטעקן;
פון טויזנט וואונדן בלוטיקן ביי איר אויפגאַנג —
מיט גילדסטן לייש הימל־זוים צו באַדעקן.

אַן אויפהער וואַשט דער ים זונס אָפּן־טיפּסטע וואונד,
אַזש יעדע כוואַליע פול ווערט מיט די בלוט־פלעקן;
טויט־דערשראָקן כאַפּן זיך אַלע פייגל אויף,
פון רעש די שוועלבלעך, פּישטשענדיק, זיך אויפוועקן.

## זון - אויפגאַנג

ס׳געשוועב פון די שוואַלבן אַהין, אַהער,
נישט ווי זיי וואָלטן שוועבן — וואָס וועבן!
שתי־וערבדיק זיי וועבן אויס,
הימלישסטער דיוואַן וואָס געוועזן — כ׳לעבן!

בלוילעך־רויט, ברוינלעך־גרין, און צו דעם אַלץ
אַביסעלע געל־גרוי גאָלד צוצומישן;
פּערעלעך, דימענטלעך אויפגעסילעט,
אויף געדרייטן זילבער־דרים — דאָ צווישן.

יאָ, דאָס קלויבן זיי צו די פאַרב־טענער,
מיט ניגונדל זינגענדיק בשעתן וועבן!
און אויגל ווינק, פלינק אין פּאַליטרע אַ טינק,
פליגעלע וויש — די קאָלירן לעבן.

## ס׳זאַלציקע אויף מיין ליפּ

און אויפהער אַזוי, ווי די גייענדיקע כוואַליעס,
דאָס פאַרגאָסענע בלוט אונזערס נישט צו פאַרגעסן —
גאָט, אַ רגע פאַרשוויגן ביים שטיל־וויגנדיקן ים,
רואיק קאָנען זיצן ווי אַמאָל כ׳בין געזעסן.

גאָרנישט נישט געדענקען, נישט בענקען, צי גאָר דענקען,
קוקן אַזוי אין דער ווייט און האַרכן און הערן —
פּלוצלינג ווי שטיל — אַ פול אויג ס׳איז דער ים, קיין פינטל,
קיין שפּריצל. ס׳זאַלציקע אויף מיין ליפּ — מיינע טרערן.

### די ברכה איבערן ים

ווען מיין טאַטע דערזען האָט דעם ים,
האָט ער איבער אים אַ ברכה געמאַכט,
און ווען איך דערזע אים כ׳מוז שרייבן
אַ ליד — אויב נישט דערפילט, כאָטש צוגעטראַכט.

זאָל דאָך מיין ליד זיין אַזוי דערפילט —
אַ ברכה וואָס מיין טאַטע געמאַכט האָט!
„אשר לו הים והוא עשהו״ —
יאָ, ווען ס׳מאַכט־זיך אַ ליד, טראַכט מען פון גאָט.

## קריאת - שמע של - שחרית

אויב גאָט פון אַ הייפל ערד באַשאַפן דעם מענטש,
דאָס ווינטל ביים ים איצינד — דער אָטעם פון גאָט!
ווי ס׳דערפרישט, ווי ס׳באַלעבט, ווי ס׳איז מיך מחיה —
כ׳זע אין געוועלבטן ברעג־זאַמד, כביכול, גאָטס טראָט.

האָט ווער שוין משיג געווען זיין געוואַלטיקייט?
צומאָל גאָר ברויזיקן ים באַגריפן ווער האָט?
כ׳באַהאַלט מיין פּנים אין מיינע הענט — שמע ישראל!
„אדוני אלהינו אדוני אחד״ —

## דער באַרג

יעצט איז ער אַ ליימיקער באַרג ביים ברעג,
אין אַ מיליאָן יאָר אַ פעלזן זיין מסתם;



ער וועט זיך קרישלען, שטיקלען און ברעקלען —
אַלץ וואָס אַפּרייסן פון אים ס׳קאָן דער ים.

אָבער דאָס, וואָס ס׳וועט דאָך בלייבן פון אים,
וועט זיין אַ פעלז־שטיין, אַ קלאָץ, אַ ריז,
אַרויפקוקן צו אים, באַוואונדערן —
יעצט איז ער — יעצט ליגט ער דעם ים צופיס —

אַ קופּע ליים, וואָס לאָזט זיך רק קנעטן,
טרעטן ביז דער גרויסער פעלזן ער ווערט!
אַצינד קייגן דעם געוואַלטיקן ים
זעט ער אויס — אין גאָטס האַנט ס׳הייפעלע ערד.

## דער פעלדז

שפּינוועבנדיק, שתי־וערבדיק,
וועבן טעג און נעכט פאַרפלאָנטערטע מעת־לעתן;
ווי ס׳וויקלט זיך, ווי דריוולדיק ס׳קנוילט זיך,
גוראַלדיק־גרוי, גרויליק גרויס — ביז צום דערעסן!

— און אַז וועסט שוין ליגן טויט דאָ אונטן,
אויפן דנאָ, צי פון אַ וואַלפיש אויפגעפרעסן,
בלייב איך שטיין אַ פאַרשטיינט פאַרגליווערטער,
ס׳וואָלט דער פעלדז מיך ברידערלעך צו זיך צופרעסן.

### אַ זאַמד־שטויבל ביים ים

ווי קליין איז דער וואָס דערקלעטערט דעם שפּיץ!
נישט נאָר פאַר די וואָס געבליבן הינטן שטיין,
נאָר פאַר דעם אויבן אין דער העכסטער הייך:
גאָרנישט הערגרייכט און געבליבן איין אַליין . . .

צי איז מען דען, צומאָל אויפן שפּיץ פעלדז,
מער ווי אַ זאַמד־שטויבל וואָס ליגט ביים ברעג ים?
אַראָפּגעשליידערט, ווערן צעשמעטערט,
אַ טויטער — נאָר זיין מיט אַלעמען צוזאַם.

## אויפן ברעג

. . . זשומיענדיק, מחשבות זשומען אין מיין מוח:
אפשר טאַקע שוין אַזוי איינשלאָפן אויף ברעג;
אין מיטאָג־שעה ווען דער אַפּפלוס וועט אָנקומען,
מיך אַוועקפלייצן מיט אַלץ וואָס ער שלעפּט אַוועק —

און אַן עק דער גאַנצער געמוטשעטער עסק!
אַז שווערער נאָך ער איז איצט ווען עלטער מען ווערט:
א יאָר מערער, ווייניקער, וואָסער חילוק שוין?
א שלעכט מסחר בעסער אָפּגעהאַקט, אויפגעהערט — — —

נאָך כראָפּעדיק, כאַפּ איך מיך אויסגעטשוכעט אויף,
ווי אַנטלויפן ס׳וואָלט פון וועם אין שרעק, אין געאײַל:
ס׳וועלן כוואַליעס־קעפּ אין פּעלז־וואַנט צעשײַט ווערן —
א ים מיט טרערן, פון שווערן לעבן כ׳דערצייל — — —

## דאַנק צעשפּיגלטע טרער

אַז נאָך מיר באַשערט, אײדער אַליין כ׳ווער ערד,
דעם גערוך אײַרן אַזוי טיף צו שפּירן,
און נאָך פריִער, בעפאַר־נאָך כ׳בין א טייל פון איר,
א טרער אין מײַן אויג — א טוי־טראָפּ שעמערירן.

א געפּלײַך־געברויז רײַסט זיך פון מיר אַרויס,
דאָס דרענגען — — בלויז אויף מײַן וויע זי בלײַבט הענגען!
א ים מיט לייד אין איין טרער און נאָך מער, אָבער
הימל אין איר מיט אַלע ברייטן און לענגען.

### אין צעניט

„א זון אין א רעגן",
אָדער רענדלעך א טאָפּ?
ווי עס ציטערט דער ים,
מיט גאָלד, מיט זון־געטראָפּ.

געפונענער אוצר
ווי ער פונקלט און גלאַנצט;
אויפגעשאַרצט די מײַטקעס —
אין זון־רעגן געטאַנצט!

## א מעווע

איבער זי פליט איבערן בײַז־צעברויזטן ים
און זי גיט נאָך רציחיש אַזאַ געשריי,
א סימן זי לעבט נאָך, די געהעצטע מעווע,
ווי זי גיט דאָס א שאָס־אַראָפּ — א שטיק בליי!

קריעת־ים־סוף, מלחמה איז פּרנסה,
פאַרן ביסן איינס ס׳אַנדערע פרעסט זיך אויף!
טיף וואו איז זי פאַרזונקען, גאָר דערטרונקען —
און שוין שרויפט זי זיך ביז צום הימל אַרויף.



זע, עפּעס וואָס האָט זי אין איר שאַרפן חשוב,
זי טראָגט עס פאַר אירע פּיצעלעך אין פּעלז —
האָרך, אַצינד שרײַט זי נישט, זי איז א מאַמע,
זי טראָגט דאָך שנעקעלעך אין שיסעלעך־שעלס.

## אין געסל

א חן־פּינטעלע אויף א ליכטיק פּנים
איז לבנה אויפן הימל בײַטאָג;
אויף דער לינקער באַק, הינטן בײַם געמבקעלע,
זע, אין זײַט בײַם געסל־אײַנגאַנג אין ראָג.

נישט אַלעמאָל קלעבט זי עס אויף — ס׳פּלאַסטערל,
ווען זי האָט גראָד דעם גוטן מוט דערצו!
הײַנט בײַם טוואַלעט, אַפּנים, אים געהאַט,
ס׳געסל ווי פאַררויגט ס׳איז אין גוטער רו.

## דרויסן פאַר דער כאַטע

אַרויסצופאָרן אויפן ים איז ער שוין צו אַלט,
זיצט ער אויף איבערגעקערט שיפל פאַר דער שטוב,
רײַניקט די נעצן, פאַרקניפּט וואו א לאָך נאָר פאַראַן,
אַלץ נאָך פאַרריכטן אײדער אים טראָגן אין גרוב.

ער געדענקט גוט, אַזוי האָט עס דער זיידע געטון
ביז דעם לעצטן נעץ געדאַנזשעט און אַן א ברייל,
ווי אַלט איז ער דערמאָלט געווען, א פּיצעלע קוים,
און פּונקט ווי יענער, מאַכט ער׳ס אַצינד, שנעל און שטיל.

ער שמייכלט צו זיך: וואָס ס׳געאײַל . . . דער לעצטער . . .
נישט נאָר דער נעץ . . . אַפּנים אַזוי שוין באַשערט . . .
דעם זון דער ים פאַרשלונגען, ס׳אייניקל א מאַטראָז . . .
בלויז, ס׳איז דען אַן אונטערשייד אין ים, אין דער ערד . . .

## וואַרקענדיקע טויבן

דאָס וואַרקען פון די טויבן אונטערן שטרוי־דאַך,
חנדלדיק, נחתדיק, רחבותדיק־ברייט —
לאַכנדיקע עכאָס פון כוואַליעס וואו ווײַט,
ס׳אָטעמט אַזאַ אײַנגעהאַלטענע פרייד.

פירן זיי זייערע ליבעס כסדר,
טוליענדיק, שושקענדיק, שטילינקערהייט?
שעהן אַזוי זיצן צו הערן כ׳בין גרייט
און ווי פאַרשטאַנען אַלע זייערע רייד.

האלב חלומדיק, האלב וואכנדיק, וויגנדיק,
האכט זיך מיר גאר, אז דו זיצט ביי מיין זייט;
כוואליעדיק־לאכעדיק — אטעמדיק־באפרייט!
ווי ערשט איצט כ'וואלט פארשטאנען דיינע רייד...

## צום בוים פארן פענסטער

ער פארטיפט זיך מיט אלע זיינע ווארצלען דער בוים,
דער ים מיט אלע זיינע כוחות־פון טיפעניש וויל ארויס —
טראגט צארט צווייגל נאך צייטיקע זאפטיקע פירות,
און כוואליעס מיט שוים אויף ליפן גייען גסיסהדיק אויס.

צו פרייע הימלען זיך רייסנדיק פליען פייגל,
גנבנענדיק זיך אין לעכער — ים־ראטן און פעלד־מייז —
זיינען פון די טעג מיט ליכטיק לוסטיקן געזאנג,
און די נעכט מיט ירגזון געקוויטשט, פינסטער און בייז.

תהום־טיפן ים, דעם ערד־דנא מיר דערגרינטעווען,
איבער די וואלקנס, די זון און שטערן שוין באלד דערגרייכט — —
נאר נישט שוים־צעפיצלט, פון בייזקייטן צעגרידזשעט,
און זינגענדיקער מענטש ליכטיק דערהויבן און דער הייכט.

## לייבהאפטיק

ווי ער רוישט הינטן דער ים, ווי ער ברויזט,
גאנצן ברעג פארפיאנעט ער מיט זיין געזיד,
און איך זיץ דא און הער מיך פארגאפט צו,
צום שוימיקן מילך־שטראם — צו א הימליש ליד:

איר תאווה־טראכט, איר אייטער־שפע־פרייד,
שטראמט אזוי קלאר פון איר מיט זאפט פולער קראפט;
גאנצער ארום שוימט אין א מילך־איימער —
לייבהאפטיגער מילך־וועג, שטראל־פארטרוימטער־האפט.

## זאלבע דריט

איינע מאט פון ארבעט, ווי פון טראכטן די צווייטע,
פון קאשן גערשטן, פון מעלה־גירהדיק לאנגען מו;
אן ציפערן, אן וויזער, זייער זייגער די זון,
ווי אפגעשמועסטע, צו דער מינוט — א ראנדעוו.

ביי דער איינער דער אייטער, די טראכט הענגט שווער אראפ,
ביי דער אנדערער לידיק — א צעציטערטער אומרו!
צום שטראם מילך שוימענדיק צעשטראלט אין שעפל אריין,
זיי בידע, און אויך איך, א דריטער, הער מיך פארטראכט צו.



## מיט שערפ אין האנט

שווארץ מיינע גרויע האר נישט ווערן מער,
אבער ווי די זאנגען גאלדן און ווייס־בלאנד;
כ'זע זי אנקומען מיטן שערפ אין האנט,
דאכט מיר א שמשון נאך ווערן כ'וואלט געקאנט —

אוועקגעווארפן די שעכטלעך פילן,
די בעסטע פעולה איז זי. דאך, די זון;
די פלעשלעך מעדיצין אויסגעגאסן,
ים־לופט אנגעפולט און געזשלאקעט דערפון.

צי איז דען נישט בעסער פון א דלילה,
א געבונדענער באראן געשערט מען ווערט,
איידער מיט ליסענע ביזגל צום קארק,
מ'דרייט זיך ארום א זינדיגער אויף גאטס ערד?

## די הונט־בודע

אזא טרויער פארהילט איר שטילינק פנים —
געהאנגען דעריבער א טונק'לער שלייער;
נאך פינסטערער ס'ווערט ווען פאראיבער זי גייט
ביי דער הונט־בודע, פארן תבואה־שייער.

נעכטן ביינאכט ווען כ'בין פארביי, היינט פארטאג,
לידיק די בודע — כאטש מיך אריינלייגן!
און ווען זי וועט פארבייגיין, טון כ'וועל א ביל,
ניין, כ'וועל מסתם ווי זי טרויעריק שווייגן...

## דער הונט

הויך איבער ים, אויפן שפיץ־בארג,
מיט גרויס כבוד קובר געוועזן;
א זון־זעץ — געזעצט די מצבה,
העכסטע שבחים געווען צו לעזן.

גאנצער יחוס גרויס אויסגערעכנט,
פאטער פון וואו, מאמע פונוואנען;
פון היצן אותיות אפגעשפרונגען,
פון שלאקס־רעגנס — גאנץ אפגעטאנען.

אין שטורעם־טעג קאן מען זיין געוואר
פון די ים־כוואליעס ארויסהערן,
און אין די נעכט בלאנקעט ער ארום
אויפן הימל צווישן די שטערן.

## TIMBER - געדעכעניש

ער פעלט מיר, דער הונט, גראד איצט ווייל אלט שוין כ׳בין,
נאך מער ווי דעמלט וואלט ער מיר געניצט;
מיר נאכגעלאפן און געשפרונגען פארויס,
דעם באל געכאפט, זיך געטומלט, געהיצט.

ערשט ווען געשפילט מיט פרישן, פעטן מארך־ביין!
געפונען אים, גאנץ געברענגט אים צוריק,
ווי שטאלץ געקוקט, מענטשלעך־געברימט — זיך צעברומט!
די חכמה כיטרע געלויכטן אין בליק.

ווען אקייגנגעלאפן ר׳איז פון די כוואליעס,
זיך רייצענד־גערייצט — מיטן עק געשפריצט!
ווי וויציק האט ער אויסגעזען, ווי אלט־קלוג,
מיט די שליפּיעס, ווי פייערדיק געבליצט.

## אויף שטילער שטשעשקע

ווי ס׳וויל לעבן מינדסט גרעזעלע נאך,
אויף היי שוין פארוויאנעט פארן שניט;
וואסער ירגזון־בייזן שארך ס׳טוט
ביים אפגעהיטעסטן, מינדסטן טריט.

דאס זומערפייגעלע, ס׳מינדסט־קליינסטע,
זע, ווי פול מיט פחדים־ציטער ס׳איז,
פאר שווערבל, פאר יינגעלע מיט נעץ,
כסדר רק ס׳ראטעווערט זיך, ביז —
— — — — — — — — — — — — — — — —
שוין ערב־שטארבן, אפשר, שא, שטיל,
ווי ס׳פלאטערט הארץ, ווי ווייענדיק ס׳הארכט,
א זומערפייגעלע אין דער זון,
א פארוויאנעט גרעזל שוין וואס שארכט.

## אן אויפהער אזוי

עפּעס מוז ער דאך וועלן וואוהינצילן,
אז אן אויפהער אזוי און נישט צו ווערן מיד —
צי ווייס איך וואס איך וויל, צי ציל איך וואוהין
און אן אויפהער אזוי ברוינדיק ליד נאך ליד?

און ווען ס׳איז שוין שטיל אין מיר, צי האב איך העז רו?
מיין קאפּ — קעסל אויף פייער־טאפּ אידער ער זידט!
ווי שטיל דער ים איצט, אין זיך ציט ער זיך צוריק —
די זון זינקט אראפּ אין אים, פלאקערדיק צעגליט.



## אלול - מולד

. . . דאס שפיץ־קלויסטערל אויבן אויפן בארג,
שטאכט זיך אין אונט־הימל אריין;
ווי פארבלוטיקט דאס גאנצע דערפל ווערט,
עפּעס א מין טרויער הילט מיך איין —

ס׳פאלן די שאטנס ווי טונקלע שלייערס,
מתפללים אין קלויסטערל כ׳הער גיין;
ווי דער ציטדיקער שטילער ארום,
ציטערט טונקל אין מיר שטיל געוויין.

גייט לבנה־הערנדל מולדיק אויף,
ממש ווי א שופר עס זאל זיין — —
און אן איינגעהילטער נישט אין דער נאכט —
און טונקלע ווערטער, קוים צו פארשטיין.

## מושל - שיסעלע

פון מושל־שיסעלע שפרינגט ווענוס פון פיאנע ארויס,
פליט געטלעך צום אויסגעשטערנט הימל ארויף;
הער ים ווי פארטרוימט וואונדערלעך ער זעט דאס אצינד אויס,
גלייך אין מיטן חלום א שלאפנדיק קינד וואכט אויף.

אין אלע פיר זייטן שיסט קופידא זיינע פיילן,
איז בלויז ביי די געטער אזא פיילנבויגן שפיל —
ס׳ווארפן זיך די כוואליעס פון געלעכטער ביי יעדן שאס!
נאר וויי צום הארץ וו די פייל געטראפן האט אין ציל . . .

## זון - פארגיי

די גילדענע פאווע פון איר שטאלצן שפאציר,
רויט־צעהיצט זעצט זיך אויף איר טרוין־שטראלן־לייטער;
א פעלדל, חלילה, זאל זיך נישט צעקנייטשן,
אויפגעהויבענער שלעפּ, צעפלאשעט אלץ ברייטער.

די אנצאליקע אויגן אין איר לאנגן עק —
אויסגעשפרייטער הימל צעפונקלט מיט שטערן;
זיך צונויפציענדיק פון א קאשמאר־חלום,
וועלן אלע אויף איינמאל פארלאשן ווערן.

## אין לבנה - נאכט

ווי רואיק זי שטייט זיך, די לבנה,
ווי גליקלעך זי שיינט, ווי בישט זי מיינט מען;

ארויפגעשאסענע קאסמאנאוטן ?
נו', מילא, אין די גאזעטן לייענט מען.

דזשיאקאנדא, ס'מאנא ליזא־שמייכעלע,
צו איר מאיעסטעטישקייט פארגלייכט מען ;
און אז מ'רעדט שוין אזוי הונדערטער יאר,
פונקט ווי מיטן שיסן איצט — דערגרייכט מען ?

ווי רואיק זי שטייט זיך, די לבנה,
ווי גליקלעך זי שיינט, ווי בישט זי מיינט מען !
בלויז, פארוואס מ'זעט זי אזוי שטיך נעמט אן
גרוס רחמנות צו איר — טיילמאל וויינט מען.

## בין השמשות - שעה

א כשר־שטיין אריינגעווארפן אין קעסל,
קאכט זידיק דעם ים אויף, בלעזלט און שוימט,
יום־טובדיק, ציכטיק אויפגערוימט — גאנצער ארום !
געשייערט צעגלאנצט, בלינצלדיק פארטרוימט.

גייען געבענטשטע אויף די ערשטע דריי שטערן ;
דערזען זיי אזוי, ווען געווען א קינד,
געזוכט זיי פאר מאמען, פאר גאט פון אברהם —
בלויז צו וועם זיי אהינברענגען אצינד ?

## אוונט - תפילה

ווי ס'בעט זיך אזוי גוט אין דער אוונט־שעה,
אז מען האט נאר פאר וועמען אדער צו וועם ;
די שאטנס ווערן גרויס און לויפן פארויס .
צו ענטפערן עמעצן : ברוך השם.

א שנעק פונם הייזל מ'גייט פון זיך ארויס :
א בת־קול דערהערן, א מראה דערזען —
א פולער מיט וואונדער גאנצער ארום !
אין אזא דעמער־שעה וואס ס'קאן אלץ געשען ?

עפעס שפירסטו ס'ווערט געבוירן, ס'ענדערט זיך,
בלוטיקער מולד צעוואקסט זיך גליד נאך גליד ;
די אליין ווערסט סוד — א פיצל פון גאנצן,
א שפריצל פון ים — א טרער איינגעפאסט אין ליד.

## דאס זעגל - שיפל . . .

דאס זעגל־שיפל אינם נעפל,
מסתם באוועגט עס זיך כסדר פארט —



דאס זעגל־טוך איז דאך אויסגעשפרייט ;
בלויז צו זען קוים צי ס'רירט זיך פונט ארט.

איז עס פון נעפל שטארקער פארהילט ?
מסתם בשעת געדזשימיעט א ווייל !
אויב אזוי, אפשר שוין יענס טרוים־שיפל
פאר מיליאן־מיליאנען חלום־מייל ? . . .

## מיינע פעסטונגען

מיינע פעסטונגען — זאמד צעשאטענער,
אויף שטויבעלעך פון שטורעם צעבלאזן ;
פון אלע גרויסע, פרישע בוי־פלענער,
נישט א טייך — א ים זיך אויסגעלאזן !

כאטש שאוועלע אין האנט אצינד אליין,
לעצטע פעסטונג אין זאמד מיר אויסגעגראבן —
אז א קינד נישט געהאט, קיין אייניקל,
וויאזוי אן אור־אייניקל האבן ?

## ים - גרוס (פאר מיין פלימעניק נחום שטענצל)

א רעדל אין גלגל־העולם,
אונזער דרייענדיקער ערד־קיילעך ;
מיט זיין געברויז ער טרייבט עס, דער ים,
אט אהער און אט הינטערווייילעך.

וועט ער איין רגע בלויז שטיל בלייבן,
און אונזער ערד הערט זיך אויף דרייען ;
קאן מען שוין נאך אלע גלגלים
שרייבן די באוואוסטע דריי פייען.

ניין, מען קאן מיט אטאם־באמבעלע
„פארדרייט" ערדעלע נישט צעשטערן —
עלהיי געשעדיקט ראד אין טייך,
זיך דרייען מיל־שטיינער אויפהערן ?

### פאר צאת־הכוכבים

נישט ים, נישט פעלדז, נישט ארום — פרייטיק פארנאכט אין שטיבל,
דעם „הודו לד' כי טוב" דער עולם נעמט זאגן ;
גרייז־גרוי געקרייזלט, בארד און פאות ווייס־פארפלאכטענע,
קעפ אין מזרח־וואנט זיך קלאפן, מיט פויסטן זיך שלאגן.

„יורדי הים . . . עושי מלאכה במים רבים" —
כ'הער דוד המלך'ס „הודו" אויף הערצער זיך הארפן!
ווי שטיל ס'וויגן זיך די כוואַליעס פאר צאת־הכוכבים —
דער סמבטיון אפילו הערט זיך דאך אויף צו ווארפן.

## א וואלקן - ליד

פאר די פליגל פון זיינע מלאכים,
ווו באטישעלי געזונמען זיינע קאלירן?
פון א וואלקן בעת'ן זון־פארגיי,
ווען דימענט־געשליפן ער נעמט שעמערירן.

מיט פארזשמורעטע ברעמען און וויעס,
טיף געטונקט אין הימל ער האט זיינע אויגן,
און זע, אויף א צעוויקלט שטיק לייוונט,
ריכטיקע מלאכים זיינען אנגעפלויגן.

## אוונט - געזאנג

א גאנצן טאג אין שוויס פון פנים עס געצוואגן,
שפיגלט זי עס אין דער זון איצט זיצנדיק אויף דער באנק;
אין שטאל מעלה־גירהדיק ליגט די קו אויף פריש שטרוי,
און יאגט א פליג מיטן עק און איך א זלידנעם געדאנק.

ווי ער קאכט און ברויזט און שוימט און זידט דער כוח־הדם,
ס'יערט, ס'בלעזלט, ביז לסוף ס'שטעלט זיך אפ־געלויטערט פארלאנג;
קלעטערדיק אויף גרעזל די גריל, אויף בארג־ברעג — דער ים,
און די שוואלבן איבער אונז מיט זייער אוונט געזאנג.

## אין אוגוסט ווען די שטערן פאלן

פון אלטקייט לייכט די באנק, כ'זיץ א פינסטערער אויף איר,
אין שוואלבן־נעסט איבער מיר — א פליגעלע שארכן!
פול כ'בין מיט הארכן: הער איך נישט עטעמען די ערד,
פונם ארום מעלה־גירה'ט כראַפּעדיק שנאָרכן?

ווילאנג נאך קען'ס נעמען און די צוויי־פיסיקע באנק,
אינגאנצן צעגלאנצן — פראכבע צעשאטן ווערן?
דער הימל אויבן ווי אלט מוז ער דאס שוין זיין —
אזא אוסגעשאטענער מיט צעשיינטע שטערן.

איבער ים, — אין שלאף זיך ווארפנדיק, אין חלום
שעפטשענדיק, — רעגנט עס בלישטשענדיקע שטערן,
א מעטעאר פאלט: ער כאפט זיך אויף מיט א געוואלד,
„שוים־געברויז"! בלויז נישט פראראכבע־שוין צעגלאנצט ווערן . . .



## אויב . . .

לקוי חמה, לקוי־לבנה?
בלויז אויב ס'וועט לקוי־ארץ ווערן,
ווען פאלן שטיקלעך פון איר,
ווי מעטעארן פון די שטערן.

אויב ווער איבערבלייבן און זען,
א מיתה אויף זי ווינטשן וועט ער — — —
כ'זיץ, ב'ווארט שטערן זאלן פאלן —
א טרער פאלט: גאט איינציקער רעטער.

## בלחש

פלעג איך דאך קאנען ליינען פון די שטערן,
און אלץ איז געווארן אזוי דייטלעך געניי,
יעצט ווי מיט זאמד פארשאָטן מיינע אויגן,
איך קוק, איך קוק און אלץ מאכט: קמץ אלף — אָ.

פארמאך איך זיי גיך און קוק אין מיר אריין:
איז לעצטע נקודה אין מיר שוין אפגעמעקט?
פליסטערט דער ים מיר בלחש אין אויער:
צום יסוד מיך דערגריבלט, און סוד בלייבט אלץ פארדעקט . . .

## אויסגעשטערנט

א דערשראקענער מיך איבערגעוועקט:
אידער באגינען גענומען טאגן
איז צום אפפארן שוין געשטאנען גרייט
פאר מיין פענסטער דער הימלישער וואגן.

א דערשראקענער דעם קאפ אויסגעדרייט —
אין די שטערן מ'מוז דאך קענען לייענען!
מיך איינגעהארכט ווי די כוואַליעס כליפען —
אנטוויינטע קינדער, פארוויגטע, וויינען:

„דער הונט" ביז צום ראנד, צום דנא דעם „מילך־וועג"
אויסגעלעקט גאנץ און ווייט־וואו פארשוואונדן —
און אונטער וויגעלע ווייס ציגעלע
טויט באלד פארבלוטיקט פון טויזנט וואונדן.

## מיטן מארגנשטערן

דער מארגנשטערן אריינגעקוקט אין פענסטער,
ווי ער וואלט געוואונקען מיט א ווינקל וויע;

אן ווערטער, ווי באנומען, מיטן גאנצן הארץ
מיר צוגעוואונטשן א מזלדיקע נסיעה.

דורכגייענדיק מיטן רענצל דורך די לאנקעס,
א פערד מיט פרייד־געהירזשע מיר נאכגעלאפן;
וואלט איך מיך נישט מיט אים, ווי איך וועט פארמאסטן,
דעם אנלויפנדיקן צוג שוין נישט געטראפן.

פאר איך איצט צוריק, דער בליישטיפט אויסגעשריבן,
דאס שרייב־העפט פול — א זשניווע־שפע פון לידער!
און ס׳קאן דאך נאך טרעפן אין צוג־געדרענג אהיים
יענע סטענאטיפיסטקע טרעפן כ׳וועל ווידער.

* * *

צוריק כ׳בין א טראפ פון רוישיקן ים:
צוגן, באסעס, טאקסיס און קאר נאך קאר,
פון אונטערגרונד די מאסן מענטש־כוואלעס,
געשפאר, געשאר איבער ראג־טראטואר.

קייגן סקאלעס־ווענט, קייגן זאמד־ברעגעס,
שורגעט א געפלייץ, א ווילדער געברויז,
און אינמיטן שטארטשעט ארויס א פעלדז —
זיבעציק שטאק גארנט ריזיק א הויז!

ברוד־שיף־זאכן שפיגלענדיק אויף ברעגעס,
שייבען גרויס פון די שויפענסטער ארויס — —
גיך מיך אריינקריגן אין מיין נארע,
יאג אידמ יט מיין רענצל גאס אין גאס אויס.

* * *

. . . א שטיקעלע ברעג איז עס דאך,
מיין שטיבעלע, ליקל ווייטשעפל — —
א קארפ כשר־קאסאקע קוקט,
א הארכנדיק מויער־קעפל?

אריינקומענדיק אין מיין שטוב,
אז וואס נאר איך זאל נישט ווערן,
די אויגן מיינע נעמען זען,
און מיינע אויערן הערן.

מיין הארץ — ברויז־צעכוואליעטער ים,
הארטסטן פעלדז איבערצושוימען — —
בלויז ווי שטורמיש די טעג זיינען,
די נעכט — שטיל־פארוויגטע טרוימען.



## אהרן ר. ראלין

# דער תענית און די סעודה פון תוספות יום - טוב, זצ״ל

מיט א יאר צען צוריק איז געווארן דריי הונדערט יאר זינט דעם טויט פון בארימטן און געלערנטן רב ר׳ יום־טוב ליפמאן העלער, זצ״ל, וועלכער איז באקאנט אין דער יידישער וועלט דער „תוספות יום־טוב״, נאך דעם נאמען פון זיין פאפולערסטער שאפונג (די קאמענטארן אויף דער משנה). איך האב דאמאלסט געהאט געדרוקט אן ארטיקל וועגן אים אין דעם היגן „דזשואיש קראניקל״, און איך ווייס פון נאך אן ארטיקל אין זעלבן זשורנאל וועגן אט דעם בארימטן רב. ליידער האב איך גארנישט געזען וועגן אים אין יידיש; געוויס נישט אין ענגלאנד.

איצטער, ווערנדיק א בן־שמונים, וויל איך באקענען די יידישע לייענער מיטן וואונדערלעכן לעבן פון „תוספות יום־טוב״, מיט זיין צוואה פאר קינדער און קינדס קינדער, וועגן זיין תענית און סעודה, וואס איז אפגעהיטן געווארן אין מיין משפחה און אין הונדערטער אנדערע משפחות פאר איבער צען דורות, און האט פאר מיר א געוויסן אויטאביאגראפישן אינטערעס.

איך וויל דא נישט — בין נישט קאמפעטענט — צו געבן אן אפשאצונג וועגן דעם גרויסן ווערט, וואס זיינע פילע חבורים האבן בייגעטראגן צו דער רבנישער ליטעראטור (אגב, איז ווערט צו דערמאנען, אז אפאר פון זיינע ביכער וועגן רעליגיעזער אויפפירונג האט ער געשריבן אין יידיש פאר פשוטע מענער און פרויען, וועלכע קענען נישט קיין לשון־קודש).

אין דעם ארטיקל וויל איך נאר באהאנדלען זיין לעבנסגעשיכטע, וואס ער האט אנגעשריבן אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן און די הוספה, וואס זיין עלטסטער זון, הרב שמואל העלער, האט צוגעשריבן נאך זיין פאטערס טויט, וועגן אלע שולדיקע אין די צרות און ליידן פון זיין פאטער זיינען שוין געווען אויסגעשטארבן.

אט די בידע שריפטן זיינען געדרוקט געווארן אין א ביכל אונטערן נאמען „מגילת איבה״ אין העברעאיש און יידיש אין פארשידענע שטעט און אין אסך אויפלאגעס. די לעצטע אויפלאגע פון „מגילת איבה״ איז דערשינען אין העב־רעאיש אין לאנדאן, אין יאר 1956, און איך האב באקומען דאס ביכל צוגעשיקט פון הרב העשעל פון עדזשווער עדת־ישראל קהלה.

דאס גיב איך, אין קורצן, די לעבנסגעשיכטע פון גרויסן רב, ר׳ יום־טוב ליפמאן העלער, זצ״ל.

געבוירן אין וואלערשטיין, בייערן, אין יאר 1579, איז ער דערצויגן געווארן ביי זיין זיידן, דעם הויפט־רב פון דער שטאט. ער לערנט שפעטער אין די ישיבות אין פראג, און האט געמאכט אזא גוטן פארטשריט, אז צו אכצן יאר ווער ער באשטימט אלס דיין אין פראג. אין יאר 1624 נעמט ער אן א שטעלע אלס רב אין ניקאלסבורג און א יאר שפעטער ווערט ער באשטימט אלס הויפט־רב פון ווין, די הויפטשטאט פון דער קריסטלעכער עסטרייכער אמ־פיעריע. ער האט זייער פיל נוצן געבראכט צו דער ווינער קהלה. מיט צוויי

יאר שפעטער ווערט ער באשטימט אלס הויפט־רב פון דער גרויסער קהלה אין פראג, זיין באליבטע שטאט וואו ער האט פריער פארבראכט אכט און צוואנציק יאר פון פרוכטבארער ארבעט און דארט אנגעשריבן זיינע וויכטיקסטע חיבורים.

די יידן אין בעהמען האבן אין יענער צייט, צוליב דעם דרייסיק יאריקן קריג, געמוזט צאלן שווערע שטייערן דער רעגירונג אין ווין. א קאמיסיע, פון וועלכער דער הויפט־רב איז געווען פרעזידענט, האט באשטימט וויפל יעדער פראגער ייד האט צו צאלן. איניקע זייער איינפלוסרייכע יידן האבן געדענקט, אז מען האט אויף זיי ארויפגעלייגט צופיל שטייערן און זיינען געווארן ביטערע שונאים פון תוספות יום־טוב און באשלאסן אים אראפצוזעצן פון זיין כסא־הרבנות. צוערשט האבן זיי זיך באקלאגט פארן קייזער (אימפעראטאר) פערדינאנד דעם צווייטן, אז רבי העלער האט נישט ריכטיק ארויפגעלייגט די שטייערן אויף דער קהלה. אט דאס האט בלויז געבראכט א פארוואורף און ווארנונג דעם רב.

זיינע שונאים האבן דאן געשיקט א מסירה קיין ווין, אז דער תוספות יום־טוב האט אין זיינע חבורים באשמוצט דעם קריסטלעכן גלויבן און זיי האבן צוגעשטעלט פאלשע איבערזעצונגען פון זיינע ביכער „מעדני מלך“ און „לחם חמודות“.

דעם פינפטן טאג תמוז, אין יאר 1629, איז אנגעקומען א באפעל פון קייזער, אז מען זאל דעם רב ברענגען געשמידט קיין ווין פאר א משפט. נאך פערציק טעג אין תפיסה האט מען אים פארמשפט צום טויט און אז זיינע חיבורים זאלן ווערן פארניכטעט.

אדאנק אבער דער אינטערווענץ פון פראמינענטע פערזאנען איז זיין אורטייל פארביטן געווארן אויף א גרויסער געלט־שטראף, און ס'איז אים פארבאטן געווארן צו פארנעמען א שטעלע פון א רב אין דער עסטרייכער אימפעריע.

אט די גרויסע געלט־שטראף און זיינע צרות האבן אים פאראראַרעמט און קראנק געמאכט פאר א לאנגע צייט ביז ער איז באשטימט געווארן פאר א רב אין נעמיראוו, אין יאר 1632, און שפעטער אין לודמיר, אין יאר 1635. אויך אין די צוויי שטעט, וועלכע האבן דאן באלאנגט צו פוילן, האט ער זיך איינגעשאפט שונאים און געליטן אסך צוליב זיין ערלעכן געראנגל קעגן דעם האנדל מיט שטעלעס פאר רבנים אין קלענערע קהלות, וועלכע רייכע יידן פלעגן קויפן פאר זייערע איידעמס אדער קרובים, וועלכע זיינען נישט געווען ראוי צו דעם.

אין יאר 1643, דעם ערשטן טאג אין חודש אדר, איז דער תוספות יום־טוב אויפגענומען געווארן אלס הויפט־רב און ראש־ישיבה אין קראקע, וואו ער האט געלעבט בשלום און בכבוד ביז זיין טויט אין יאר 1654.

הרב יום־טוב ליפמאן העלער, זצ"ל, האט געהאט פיר זין און פינף טעכטער, און זיי אלע האבן חתונה געהאט אין די שענסטע משפחות פון יענער צייט. די פרוי פון זיין עלטסטן זון, הרב שמואל פון בריסק, איז געווען אן



אייניקל פון בארימטן שאול וואהל, וועגן וועמען מען דערציילט, אז ער איז געווען קעניג פון פוילן פאר אפאר טעג.

אין דער „מגילת איבה“, וואס רבי יום־טוב ליפמאן העלער האט פארענדיקט אין קראקע, האט ער באפוילן" זיינע זין און טעכטער, זיינע איידעמס און שנירן און זייערע קינדער און קינדס קינדער דורך אלע דורות ביז משיח וועט קומען" אנצוהאלטן דעם פינפטן טאג אין תמוז (ווען זיינע צרות האבן זיך אנגעהויבן) אלס א תענית, און דעם ערשטן טאג אין אדר (ווען ער איז געווארן רב אין קראקוי) אלס א טאג פון א סעודה און פרייליכקייט.

איצטער קומען מיר צו דער הוספה פון הרב שמואל העלער. ער דערציילט, אז נאך דעם ווי ער האט פארבראכט פיר יאר אין דער ישיבה אין מעץ, פראנקרייך, איז ער געגאנגען אהיים קיין פראג צופוס דורך ווין. נישט ווייט פון שטאט האט זיך אים, ווי דורך א נס, איינגעגעבן צו ראטעווען דאס לעבן פון דער פרוי און קינד פון פראנצויזישן אמבאסאדאר. די פרוי און איר מאן האבן אים שטארק באדאנקט און געוואלט אים געבן געלט און מתנות, נאר שמואל האט גארנישט גענומען פון זיי, זאגנדיק, אז ער האט בלויז געטון א מענטשלעכע פליכט. זיי האבן אים דאן געזאגט ווער זיי זיינען און וואו זיי וואוינען.

אנקומענדיק אין ווין, איז ער אריין אין הויז פון זיין פעטער ברוך און דארט געטראפן א גרויסע טרויער. ער האט זיך ערשט דערוואוסט, אז זיין פאטער זיצט אין ווינער תפיסה א פארמשפטער צום טויט.

נאך דעם ווי די ביאמיאונגען פון די ווינער יידן צו ראטעווען פון טויט זיין הייליקן פאטער האבן נישט געהאלפן, איז שמואל אוועק צום פראנצויזישן אמבאסאדאר און דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואס האט געטראפן זיין פאטער. בײדע, דער אמבאסאדאר און זיין פרוי, וועלכע האבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האבן אים צוגעזאגט צו אפעלירן צום קייזער און דער קייזערין צו פארביטן דעם טויט־אורטייל אויף א געלט־שטראף; און דאס האבן זיי דערגרייכט.

שפעטער־צו האט דער אמבאסאדאר איבערגעגעבן שמואלן די נעמען פון די באשולדיקער פון זיין פאטער. דאס איז געווען א זייער רייכער פראגער ייד, רפאל, וועלכער האט אונטערגעקויפט צוויי פון די סענאטארן, וועלכע האבן געמשפט זיין פאטער און די נעמען פון די פאלשע איבערזעצערס זענען געווען יוסף שאר, א דיין, און אביגדר ראכעס. דער אמבאסאדאר האט אויך געזאגט שמואלן, אז ער מעג געבן די אינפארמאציע צו זיין פאטער, ווען ער האט באזוכט אין תפיסה, אבער נישט צו אנדערע כל־זמן די באטייליקטע אין זיין פאטערס משפט לעבן נאך.

אין דער הוספה דערציילט ווייטער הרב שמואל העלער, אז אלע באשולדיקער פון זיין פאטער זיינען געשטארבן דורך א פריצייטיקן טויט און ווען דער רייכער רפאל האט געהאלטן ביים שטארבן האט ער געשיקט נאכן תוספות יום־טוב און געבעטן ביי אים מחילה, וואס דער רב האט גערן געגעבן.

די גאנצע הוספה איז געשריבן אין א קאלירפולער שפראך, דראמאטיזירנדיק דעם רעטונגס־עפיזאד, זיין באגעגעניש מיט זיין פאטער אין דער תפיסה

און אנדערע פאסירונגען. דאס האט אלץ געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף די ווייטערדיקע דורות פון דער משפחה פון תוספות יום־טוב.

מיין פאטער, ע״ה, איז געווען דער צענטער דור פון דער משפחה און האט אפגעהיט דעם תענית און די סעודה פון תוספות יום־טוב פונקט אזוי שטרענג ווי ער האט אפגעהיט אנדערע תעניתים און ימים־טובים. עס איז געווען א טראדיציע ביי אונז אין הויז (אין דרויע, ווילנער גוב). צו קוילענען א קאלב פאר דער סעודה און צוצוגרייטן אנדערע מאכלים צום עסן און צום טרינקען.

אויסער אונזער משפחה, פלעגט מען איינלאדן אויך אייניקע אנגעזעענע געסט צו דער סעודה, און די „מגילת איבה״ פלעגן פארלייענען די מלמדים אין וועמענס חדרים מיין עלטערער ברודער און איך האבן געלערנט. מיין פאטער, ע״ה, פלעגט דערציילן וואונדערלעכע פאסירונגען וויאזוי זיינע עלטערן און אור־עלטערן זיינען אייניקע מאל, ווי דורך נסים, געהאלפן געווארן, כדי צו קענען פראווען אט די סעודה אויף א ווירדיקן אופן. ער פלעגט אויך זינגען א ליד, וואס האט זיך פארענדיקט מיט „זכות תוספות יום־טוב יגן עלינו״.

מיין פאטער האט באגעגנט משפחות, וועלכע האבן אויך אפגעהיט דעם תענית און די סעודה פון תי״ט אין פארשידענע שטעט פון רוסלאנד און פוילן. ער האט זיי גערופן תוספות יום־טוב׳ס „אייניקלעך״. איינער פון די אנגעזעענסטע איז געווען דער באקאנטער ווילנער אייגנטימער פון א ביכער־פארלאג און דרוקעריי, קאצענעלענבויגן. מיין פאטערס א פריינט און א קרוב. אין דעם פארלאג האט זיך געדרוקט די „מגילת איבה״ אין העברעאיש און יידיש מיט א נאכווארט פון קאצענעלענבויגן, געבנדיק צוואנציק נעמען פון די חיבורים פון תוי״ט און זיין אייגענעם יחוס־בריוו. דער באקאנטער שרייבער ד״ר א. אייסען דערציילט אין ניו־יארקער וואכנבלאט, „דער אמעריקאנער״, אז זיין משפחה פלעגט פראווען די סעודה פון תוי״ט אין טראדיציאנעלן אופן.

די אויסערגעווינטלעכע ווירקונג, וואס די געשיכטע און לעגענדעס פון תוי״ט האבן געהאט אויף דור דורות פון זיין משפחה, אפילו אין היינטיקע ציטן, קען מען אמבעסטן אילוסטרירן מיט פאלגנדיקןביישפיל: מיין עלטערער ברודער, ע״ה, וועלכער איז געשטארבן מיט עטלעכע יאר צוריק, איז געווען א מיטגליד פון רעפארם־שול. צוויי פון זיינע זין, דאקטוירים, האבן אין דער לעצטער מלחמה געדינט אלס אפיצירן אין דער ענגלישער ארמיי. אין יאר 1944 האבן זיי וואלונטירט צו דינען מיט די אנטי־יאטאנישע גערילעקעמפערס הינטער דעם שונאס פראנט, א זייער געפערלעכע אויפגאבע, וואו מען האט זיי אראפגעלאזן אויף פאראשוטן פון ענגלישע עראפלאנען.

ווען איך האב אויסגעדריקט צו מיין ברודער מיין גרויסע זארג וועגן דער סכנה פאר זיינע זין אין זייער מיליטער דינסט, בין איך דערשטוינט געווארן איבער מיין ברודערס שטארקן בטחון, אז זיינע זין וועלן בשלום קומען אהיים. מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז איך הער מיין אלטן פרומען פאטער, ז״ל, ווי ער זאגט: „זכות תוספות יום־טוב יגן עלינו״.

צום גליק זיינען מיינע פלימעניקעס געקומען טאקע אהיים בשלום, און דער עלטערער פון זיי האט באקומען פון דער ענגלישער רעגירונג די אויסצייכע־



נונג פאר זיין העלדישקייט.

צום גרויסן אומגליק אבער האט דער איבערנאטירלעכער גלויבן אין דער פראטעקציע פאר די דורות פון תוספות יום־טוב נישט אויסגעהאלטן ווען טויזנטער פון זיי זיינען אומגעקומען צווישן די זעקס מיליאן יידישע מארטירער אין גרויסן היטלער־חורבן. אזוי איז כמעט ווי פארשוואונדן א סעקטאר פון יידישן פאלק, וועלכע האבן אפגעהיט דעם תענית און די סעודה פון תוספות יום־טוב במשך פון די לעצטע דריי הונדערט יאר.

**פ.ס.** איך דאנק דעם רעדאקטאר פון דזשואיש קראניקל, וואס האט דעם „קאפירייט״ פון מיין ענגלישן ארטיקל וועגן דער טעמע, פאר דערלויבן מיר צו איבערזעצן און באנוצן א טייל פון יענעם ארטיקל פאר „לשון און לעבן״.

**א.ר.ר.**

## עלזע לאסקער - שילער

(פון דייטש: שמעון וואזעק)

### א ו ו ו ע ר ט ו ר

מיר האבן געזעגנט זיך ביים פרעלוד פון ליבע,
אויפן הארצן מיינעם האט נאך געפינקלט העל דיין ווארט.
מיר זענען שטיל פארקלונגען אין שטאַטישן הארמידער
אין אלולדיקן אונטשלייער, דעם טריבן,
טיפ א זיפצנדיקן אקארד.
און דאך, אין דער קורצער אוווערטורע —
מיר זענען נעלם געווארן פון דאאיקן ארט
דורך גן־עדנ׳ס ביז צו די הימלישע טירן —
די אייביקע שבועות מיר האב קנית געשוואוירן,
און ניט באדארפט די בלויע קושן פון כישופדיקן מארד.
און מיר פארמיידן זיך דאך, ווי צוויי גנבים!
געהיים באטרעטן מיר דעם זיסן מקום דארט,
וואו די ליבע האט אונדז פארגאלדיקט.
לאמיר זי באשיצן, זי זאל ניט פארפרירן
אדער פון בלינדער תאווה ווערן פארשטארט.
כ׳וואלט ביטער געוויינט, ווען איך עס זאל דערשפירן —

## יאליאן טווים

### מיין געשריי

א גאט! מאך ניט פון מיר א שטיין!
ווי מיט א פאן ווייע מיט מיר דו געטליכער ווינד אליין!
מזרח און מערב זאל זיך עפנען נאר פאר מיר,
זאל איך שטיין בלייבן פארן צוג פון וועלטס ליד!

כ׳וויל ניט זיין א ארעא פערעיניאס,
כ׳האס דעם כח פון שווערדישן רייך,
כ׳וויל ניט ער זאל מיך איבערטראגן אין דער אייביקייט
אין א מיט פונם צעשפרייטענעם אויפן קרייז.

כ׳וויל, סלעבן זאל מיך צעבייסן,
ווינדן און דונערן זאלן מיין לייב צערייסן,
זאלן זיי זייערע נעגל פארשטעקן אין מיין קארק,
זאלן זיי חיהש מיך ווארגן שטארק.

זאל איך אוועקגיין א צעריסענער, מיט א געשריי,
מיט טויזענט יאר פריער אוועק איך גיי,
זאל ער מיך שלאגן די לעצטע שעה —
מיין געטרייער ווינד, ווייסט פון מיטלייד דא!

יידיש: משה דאמב

## משה דאמב

## סטעפאן זשעראמסקי — דער נביא פונם נייעם פוילן

(צו 100׳סטן געבוירן יאר)

ווען דאסטאיעווסקי האט זיך באגעגנט מיט טאלסטאיען, האט ער אים פלוצלונג א פרעג געטאן: דו גרויסער קינסטלער, גראף, לערער, ביסט דו אמאל קראנק געווען? האסט דו אין לעבן געליטן הונגער, ביסט דו געווען אין תפיסות? אדער אין סיביר . . . טאלסטאי איז שטארק ערשטוינט געווען און גארניט געענטפערט.

דער גרויסער פוילישער קלאסיקער זשעראמסקי האט געהאט די זעלבע באציונג צו דעם פריציש רייכן נאבעל פרייז טראגער הענריק שענקעוויטש, ווייל זשעראמסקי איז געקומען פון א משפחה יורדים, געליטן פון שווינדזוכט, הונגער, ער איז געבוירן און ערצויגן געווארן אין קיעלצער געגנט, צווישן די הערליכע בערג פונם הייליגן קרייץ,ביים טייך נידא וואס שלענגלט זיך צווישן די וואלדיש־בערגיקע געגנט, זייענדיג אמאל אויף די בערג געדענק איך אן אויפשריפט וואס זשעראמסקי האט געמאכט אויף א ריזיקן שטיין: די מדבר געהערט קיינעם, ניט מיינע, ניט דיינע, ניט אונזערע, זי געהערט צו גאט און צו הייליגע . . .

פון בארוף איז זשעראמסקי געווען א לערער אין די פראווינץ שטעט, שטארק זיך איבערנומען מיט דער ארימקייט און ערנידריקונג פון די ארומיגע לאנדסלייט וואס לידן פונם צארישן רעזשים, ער אליין לײדט הונגער, איז קראנק, עלענט, צוליב זיין קרענק קומט ער קיין זאקאפאנע, דארט באקענט ער זיך מיטן מארשאל פילסודסקי, וועלכער בעט אים אונטערצושרייבן אן אויפרוף צו דער באפעלקערונג און בעט אים צו פארן קיין קראקע ער זאל פועלן ביי וויספיאנסקי אזא אונטערשריפט, אזויארום שליסט ער זיך אן אין די גרופע פון פוילענס אויפשטאנדער פון שאפן שפעטער דעם „לעגיאן״.



זייענדיג אין קראקע באקענט ער זיך מיט סט. פזשיבישעווסקי, אן איינראפער, באיינפלוסט פון ניטצשע, זאלא, ווילד, איבסען, עדגאר עלאן פא, דאמאלט שאפן זיי די גרופע: יונג פוילן, צו זיי געהערט דער נאבעל פרייז טרעגער סט. ריימאנד, וויספיאנסקע, טעטמייער, קאספראוויטש, זשעראמסקי וואס איז געווען באיינפלוסט פון דאסטאיעווסקי, טאלסטאי, און איבסען, ג. הויפטמאן, א געמיש פון מזרח און מעריב, דעם זעלבן געמיש האט געהאט די גרופע פון יונג פוילן, וועלכע באיינפלוסט שטארק די יינגע פאעטן, טווים, וויטלין, סלאנימסקי, לעכאן, לעשמיאן, וועלכע זענען אונטערן איינפלוס פון די רוסישע פוטיריסטן מייקאווסקע, יעווסענין, אנד. באדעלער, ווערליין אנד. אזוי איז זשעראמסקי געווען דער פירער און וועגווייזער פון דעם נייעם פוילן.

אגב איז כדי צו באמערקן ווען זשעראמסקי איז געווען אין זאקאפאנע איז צו אים געקומען שלום אש מיט א קורצע פוילישע ערציילונג, זשעראמסקי האט אים שטארק דערמוטיגט און געהייסן אים שרייבן מער.

אין דעם פוילן פונם מארשאל פילסודסקי, איז זשעראמסקי געווען שטארק אנטויישט, ער זעט אסך ארימקייט, היימלאזיקייט, דערפאר שאפט ער דאס בארימטע ווערק „היימלאזע מענשן״, זיין פאליטישע אנשויונג ענדערט זיך און דערפאר שאפט ער דאס בארימט געווארענע ווערק: „פאר פרילונג״, ער שטארבט אין יאר 1925 פון שווינדזוכט.

## ש. י. הארענדארף

## די „כבוד״ - באשיצער פון פויערישע מערדער „צדיקים״

אין דער ווארשעווער „פאלקס־שטימע״ פון 25־סטן אויגוסט, ה. י. איז דערשינען א לענגערער פאשקוויל, אנגעפיקעוועט מיט די געמיינסטע שקרים און בלבולים קעגן דער „יידישער נייעס אגענטור״ (איוונא), בשייכות א ידיעה, אז אויף א מאסן־קבר פון פוילישע, דורך די נאצישע מערדער, אומגעבראכטע יידן אין די זאמבראווער וועלדער, האבן די פויערים פון דער סביבה געלייגט א קראנץ מיט בלומען. „איוונא״ האט צום סוף פון דער ידיעה זיך דערלויבט צו מאכן א באמערקונג, אז „פריער האבן די פויערים געהאלפן די נאציס צו מארדן יידן און איצט לייגן זיי קרענץ מיט בלומען אויף זייערע קברים״.

ווער עס האט געלייענט די פארשידענע יזכור־ביכער פון אונדזער מורא־דיקן חורבן אין פוילן ווייס, אז דאס איז, צו אונדזער צער און ווייטיק, געווען א ביטערער אמת! אבער דער יעווסעקישער „פאלקס־שטימע״ איז ניט געפעלן אונדזער ווייטיקלעכע באמערקונג. לויט זייער קאמוניסטיש מה־יפיתדיקן „קוק־ווינקל״, זענען די פאליאקן — מיט גאר ווייניקע אויסנאמען — געווען ממש „צדיקים״ און זיי האבן, מכלומרשט, זיך אנגענומען אונדזער קריוודע! א באווייז — זיי לייגן קרענץ מיט בלומען אויף די מאסן־קברים פון די יידישע קרבנות.

מיר וועלן דא נישט אויפמישן דאס מוראדיקע קאפיטל, — הלמאי די היטלערישע בעסטיעס האבן אויסגעקליבן אוישוויץ, טרעבלינקע, מיידאנעק און

AUTHOR
TITLE

אנדערע ערטער פאר זייערע [illegible] וניעס־גראד אין פוילן. זיי האבן ג[illegible]וווסט, אז פוילן איז דער „גענייגנטסטער פלאץ" פאר די מאסן־שחיטות אויף יידן; אז די פוילישע היצלעס און „שמאלצאווניקעס" וועלן זיי גערנוויליק מיטהעלפן אין דער פארטילקונג פון מיליאנען יידן אין פוילן! די יעווסעקישע וויסן דאס, פונקט ווי מיר אלע וויסן. אבער ווי די „קעסט־קינדער" פון דער פוילישער קאמוניסטישער רעגירונג, דארפן זיי האלטן „פאסאן" און פארטיידיקן דעם „כבוד" פון די פוילישע מערדער און־קאלאבאראטארן מיט די נאצישע הריגות אויפן פוילישן יידנטום!

די יעווסעקישע „פאלקס־שטימע" האט שוין פון לאנג א „ביטער הארץ" אויף „איוונא", — הלמאי מער פארעפנטלעכט אפטע ידיעות פון דער יידישער לאגע אין ראטנפארבאנד און אנדערע קאמוניסטישע סאטעליטן־לענדער, וואס שיינען צו זיין „אומגינציק" פאר די יעווסעקישע. וואונדערן מיר זיך ניט ווען זי ווארפט אונדז פאר, אז מיר באנוצן זיך מכלומרשט, מיט „זייערע ידיעות", ווייל זיי האבן ביז־איצט ניט געוווסט, אז „איוונא" האט א קארעספאנדענט אין ווארשע... אנשטאט דעם זשעברעוועט די „פאלקס־שטימע" צענדליקער און הונדערטער ידיעות פון „איוונא", וואס דערשיינען אין די פארשידענע יידישע צייטונגען, און ווי דאזיקע צייטונג האט די חוצפה זיי צו באצייכענען אלס „ספעציעל"... פארשטייט זיך, אז איבערגעדרוקט ווערן אזעלכע ידיעות, וואס זייער תוכן איז א „נייטראלער" און זיי זענען נישט פוגע זייער בכבוד.

אבער דעם געמיינסטן און נידערטרעכטיקסטן פארברעכן איז באגאנגען די „פאלקס־שטימע" מיט איר שקר־בלבול, שרייבנדיק, למשל, — נישט מער און נישט ווייניקער, אז „לויט „זיכערע קוועלן"(?) האלט זיך „איוונא" אויס פון די דייטשע „מיידאנעק געלטער" (1). קאנקרעטער געזאגט: לויט די יעווסעקישע „אינפארמאציעס", באקומט „איוונא" א געלט־סובסידיע פון מערב־דייטשלאנד...

ווען מיר האבן געוויזן די דאזיקע טריפה פסולע ידיעה אונדזער אדוואקאט, האט ער געראטן, אנצוקלאגן די „פאלקס־שטימע" פאר דער דאזיקער בייזוויליקער רכילות, און אויפווייזן שווארץ אויף ווייס, — וויפיל געלט מיר האבן באקומען פון די „מיידאנעק געלטער"? דערקעגן איז די צייטונג געווען פארזיכטיקער, ווען זי האט אונדז באשולדיקט, אז מיר זענען א „קרוב למלכות" מיטן יידישן וועלט־קאנגרעס. אויב די דאזיקע באשולדיקונגען זענען טאקע אמת און זיי האבן א ממשות, — טא פארוואס דריקט איבער די „פאלקס־שטימע" איוונא־ידיעת, וועמענס נייעס־אגענטור ווערט מכלומרשט „אויסגעהאלטן" פון די מיידאנעק געלטער. און אפשר באקומט „איוונא" אויך „שטילע סובסידיעס" פון דער „גוטער אנשטענדיקער, מזרח־דייטשער קאמוניסטישע רעגירונג? הא? דאס וואלט, לויטן יעווסעקישן שלחון ערוך, געווען „אין ארדענונג". מזרח־דייטשלאנד פארמאגט איצט, כידוע, „לויטער קאמוניסטיש־איבערדערצויגענע נאציס". אבער פון אונדזער יידישן שטאנדפונקט, שטינקן זיי בײדע! די מערב־דייטשן, ווי די מזרח־דייטשן, ביידע האבן זיך געבאדן אין אונדזער יידיש בלוט! ביידע האבן נאך פארבלוטיקטע לאפעס פון די מוראדיקע, יידישע שחיטות!

מיר וואלטן, פונדעסטוועגן, געראטן די ווארשעווער „פאלקס־שטימע", צו זיין געהיטן צו מאכן פאלטשע בילבולים ווייל סוף־כל־סוף וועלן זיי זייער טייער באצאלן פאר דעם מבול פון פוסטע שקרים, בלבולים, רכילות און האליצונאציעס, וואס האבן נישט קיין שום ממשות — מיר ווארנען זיי;

## ווייטשעפל באשטייט נאך זיין שטעטל... (צום לייטארטיקל)

אצינד, ווען די קריסטלעכע וועלט, זוכט וועגן, ווי נישט איז, אראפצונעמען די שולד פון זייער געוויסן, קומט א מיסיאן־הייזל אין ווייטשעפל און שטעלט ארויס, לכבוד ימים נוראים, אין זייער שוי־פענסטער א פלאקאט מיט גרויסע לבנה אותיות אין העברעאיש, אז יידן האבן געהרגעט יעזוסן — זיי ווילן אפנים זיין פויפסטלערער נאך ווי דער פויפסט...

זיינען דריי יידן צוגעגאנגען צו דער טיר ארויסגערופן זייער פארשטייער, אים מזהיר געווען: אויב מען וועט נישט ארויסנעמען דעם פלאקאט פון שויפענסטער, וועט מען אים דערווייטערן צוזאם מיט די שויבן.

„אף על פי שחטא ישראל הוא", — טאקע מיסיאנערן, עברינים, אסימילאטאריש־נידריקע פחדנים־יידעלעך, — און איידער ס'איז געווארן נאכט האבן זיי דעם פלאקאט במחילה ארויסגענומען.

דאס יידישע ווייטשעפל, אמת נישט דאס אמאליקע מער, איינגעשרומפן. נישט מער דאס טומלדיקע עמך דא, אבער ווייטשעפל קאן נאך אפנים, „זיין שטעטל באשטיין"...

ש.

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

ש. ז. שרגאי אויף זיין באזוך אין לאנדאן האלטנדיק פארטראגן איבער דער נויטיקער עליה פון דער מערב־איראפעאישע לענדער איז אויפגענומען געווארן ביי א גלעזל־טיי פון די פועלי־ציון חוג העברי און קולטור־געזעלשאפט, אין א בלומסברי־האטעל ווו דער חשובער גאסט האט געהאלטן אן אקטועלן פארטראג און איז באגריסט געווארן. דעם פארזיץ האט געפירט דר. ש. לעווענבערג.

א. גאלאמב אויף זיין צוריק־נסיעה פון ישראל קיין אמעריקע, זייענדיק דא אין לאנדאן, איז אויפגענומען געווארן פון חברים אין הויז פון דר. יעקב מייטליס ביי א גלעזל־טיי. דער חשובער גאסט איז אויך אויפגענומען ביי די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס.

ביים שבת נאכמיטאג געווידמעט דעם שאפן פון א. גלאנץ־לעיעלעס האט דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג געלייענט פון לעיעלעס שאפן.

אהרן ראלין איז געווארן דעם חודש א בן־שמונים, מיר ווינטשן דעם שרייבער און ארבעטער־פירער נאך א סך לאנגע געזונטע יארן צוזאם מיט זיין ליבער פרוי.

ש. י. הארענדארף געפינט אין סאנט־פאנקרעס האספיטל מיר ווינטשן אונזער חבר א רפואה שלימה. ער זאל באלד אהיימקומען און קענען אנצוגיין מיט זיין שרייבן.

לעאן בלומענזאס, איז געווען איניקע וואכן אין לאנדאן האספיטל מיר ווינטשן אים א גוטע בעסערונג.

בעלא ווינער איז נישט געזונט, מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

י. ריכטיגער האט געהאלטן א סעריע רעפעראטן ביי די שבת־נאכמיטאגס איבער די געשיכטע פון סליחות, יוצרות און ימים־נוראים מנהגים.

איזיק גאלדבערג האט גערעדט ביי די שבת־נאכמיטאגס איבערן יידישן לעבן אין פאריז.

דער שרייבער ליטווין פון פאריז איז געוועזן דא אויף א באזוך אייניקע וואכן.

נ. מ. ס״דא האט גערעדט ביי די שבת־נאכמיטאגס איבער דעם פאגראם אין לאס־אנזשעלעס.

הענעך לעווקאוויטש פון דער בונדישער גרופע, האט דורכגעמאכט א שווערע קראנקהייט אין לאנדאן־האספיטאל, מיר ווינטשן טוער נאך לאנגע גוטע יארן.

דער ארבעטער־טוער אברהם טאבאוויטש איז געווארן א בן־שמונים, די אנערכיסטישע גרופע האט אים געפייערט ביי א גלעזל טיי מיר ווינטשן דעם ארבעטער־אים א רפואה שלימה.

דער ראש פון ועד־הרבנים הרב צימערמאן איז נפטר געווארן, רבי צימערמאן איז געווען א למדן, א בארימטער דרשן אין די ווייטשעפל שולן — חבל על דאבדין.

די זאכן פון מ. בעקערמאן און פ. זיגלבוים אין קומענדיקן נומער.

ד.ר.

## לשנה - טובה - ווונטשן (המשך)

מיכאל לידור און פרוי ווינטשן זיירע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אלע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, א כתיבה וחתימה טובה.

אסתר ראמפעדער ווינשט די פאמיליע און אלע בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

חנה הינדע שפיגלמאן, ווינשט אירע קינדער אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אירע אייניקלעך און אור־אייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

מ. בערשטיין און פרוי ווינטש זייערע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

פרוי גוסטע געפמאן ווינטשן אירע קינדער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און מומע ליזע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

הענעך לעווקאוויטש ווינטשט אלע זיינע פריינט און קרובים אין אסטראליע א גוט יאר.

איך ווינטש א גליקליכן געזונטן יאר א.נ. שטענצל און זיינע מיט ארבייטער אין „לשון און לעבן״ — א. לעווין.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאטאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ישראל און בעטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמעריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאר.

טעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ״ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאכטער ווינטש זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמבערס פון נעלסאן שול א כתיבה וחתימה טובה.

## פריינד אהרן ראלין א בן שמונים

אונדזערע בעסטע ברכות פאר געזונט און שעפערישער ארבעט, איר זאלט זיך עלטערן צוזאמען מיט אייער ליבער פרוי אין נחת און כבוד, עד מאה ועשרים.

יידווא, לאנדאן

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES